


# קול לובלין

"לובלינער שטימע"

שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ★ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס׳ 35 • חשון־כסלו תש"ס • נאָוועמבער 1999 • נומער 35


# לובלין - הגטו והיודנרט


**מאת יאנוש זביגנייב פייקוט(*)**

**תרגם אלכסנדר זולבסקי**


ערב מלחמת העולם השנייה, היתה לובלין עיר מחוז בת כ-140 אלף תושבים - מתוכם 37 אלף יהודים.
בסוף אוקטובר 1939, לאחר הקמת השלטון הגרמני בפולין, נשארה לובלין עיר מחוז, בה ישבו המינהל האזרחי של הכובש הגרמני וכמו כן מיפקדה של אס.אס. ומשטרה. העיר נעשתה מרכז לפעילויות הקשורות בתכניות גרמניות כלפי יהודים ובה אורגן, במרץ 1942, מחנה ריכוז בשכונת מיידאנק שנקרא **K.L.DER WAFFEN SS LUBLIN.**
מדענים גרמנים ניסו אף להוכיח שלובלין היתה עיר גרמנית מאז ומתמיד אספני בולים זוכרים את הסידרה של גנרל גוברנמן, משנת 1944 אשר הופיעה במלאת 600 שנה ללובלין - העיר הגרמנית.

### הקמת היודנרט

בפקודת המושל הנס פראנק מיום 8/11/1939 הוקם בכל ריכוזי היהודים הגדולים יותר, "ניהול עצמי" אשר נקרא בגנרל גוברנמן "ועד יהודי" - יודנרט. ליודנרט היו




מספר מחלקות שטיפלו במינהל של השכונה היהודית, למשל עזרה סוציאלית, מחלקה רפואית, רישום מגורים, דואר והקצבת תלושי מזון. השלטון הגרמני אישר, בחודש אוקטובר 1941, פנייה של היודנרט לגבות 50 גרוש על תלוש מזון לשם סיבסוד בית חולים אפידמיולוגי. יותר מאוחר, באפריל 1942, גבו זלוטי אחד מתלוש מזון למען מטרות כלליות הקשורות באדמיניסטרציה. מתוארות בזה שתי מדבקות גבייה: 1


←


(*) עיתונאי פילטלי מפולין, לא יהודי, שהחליט לאחרונה לכתוב על הגיטאות מבחינת התיעוד הבולאי


teatrnn.pl

**התוכן ● אינהאלט**


| | |
|---|---|
| לובלין - הגטו והיודנראט - יאנוש זביגנייב פייקוט | 1 |
| ילדים בשואה - אסתר לנגלבן-קלוויר | 4 |
| קדיש השואה | 4 |
| ממגרש ביתי - צפורה דסקל וייסלפיש | 4 |
| זאָלן אלע געדענקען מאידאנעק | 5 |
| גטוווען אמאָל א יידישע לובלין - דוד שטאָקפיש | 7 |
| א קאָלעקטיווע ארבעט וועגן לובלינער יידנטום - אלכסנדר שריפט | 8 |
| זכרונות מהפעולות הראשונות הציונות בלובלין - יצחק שבח לוינשטיין | 9 |
| די ערשטע שריט פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין לובלין | 9 |
| א וואָרט צו דער הייאָריקער אזכרה - א. שריפט | 10 |
| יידישע פאָלקס-שולן אין לובלין - לאָזער גאָלדבוים | 11 |
| גאסן און מענטשן אין יידישן לובלין - זעליג וואסערשטרום | 12 |
| דער אלטער יידישער בית-עולם אין לובלין | 14 |
| לובלינער קוריאָזן - א. בינשטאָק | 15 |
| "מישל זשידאָווסקא" - א. צ. מייזעלס | 16 |
| די ליקווידאציע פון יתומים הויז אין לובלין - נח גריס | 17 |
| לובלינער געשטאלטן. דמויות מלובלין | |
| אלוף יצחק שדה | 18 |
| הענריק ערליך | 19 |
| יעקב גלאטשטיין | 20 |
| א לובלינער חתונה אין לאָס-אנדזשעלעס-יעקב טייער | 21 |
| מען שרייבט אונדז ● כותבים לנו | 22 |
| א בריוו אין רעדאקציע - צעשא טראכטענבערג | 25 |
| גרינדונג פון ערשטן ארגון יוצאי לובלין - יצחק רוטנבערג | 26 |
| אין דער לאנדסמאנשאפט | 26 |
| תרומות ● באשטייערונגען | 27 |
| לזכרם ● צום אָנדענק | 29 |
| ADAM KOPCIOWSKI - ZYCIE KULTURALNE W MIEDZYWOJENNYM OKRESIE | 42 |
| WSROD KSIAZEK | 43 |
| JEWISH DISTRICT IN LUBLIN | 44 |



# "קול לובלין"

**שנתון ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו"ל**

המערכת - רעדאַקציע:

מרק אורטמן, צשה פישר-טרכטנברג,

א. שריפט, דוד שטוקפיש

★

**כתובת המערכת: אַדרעס פון רעדאַקציע:**

**"קול לובלין", תל-אביב דיזינגוף 158**

"Kol Lublin"' Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel

★

**דפוס שלמה לוי, תל-אביב, טל' 03-6881727**


➔

זלוטי - תמונה 2, ו-5 זלוטי תמונה 3. החתמת התלושים נעשתה בחותמת ולידה חותמת עגולה של היודנרט כמתואר בתמונה 4. ייתכן שחותמת זו שימשה גם למטרות אחרות. ליודנרט, בתור, "שלטון עצמי יהודי", היו מגיעים בכל יום פניות רבות שהיות נרשמות. חותמת ועד הקהילה נראית בתמונה 5 ושל היודנרט בתמונה 6 . אחת המחלקות של היודנרט היתה מחלקת מירשם תושבים ומידע (Melde - und Auskunftstelle) אשר השתמשה בחותמת המתוארת בתמונה 7. מחלקת הדואר של היודנרט בלובלין היתה ממוקמת ליד רחוב קובלסקה 2 ועסקה בקבלה ומסירה של תכתובת המיועדת לתושבי הגטו.

הדואר הגרמני (Deutsche Post Osten) היה מספק דברי דואר ומשלוחי כספים ישירות ליודנרט, וזה היה צריך למסרם לתושבי הגטו. כך, היה גם עם דואר יוצא. גלויות דואר, (שאותן היה הדואר מוכר למחלקת דואר של הגטו/בכמות מוגבלת) היו נמסרות ביחידת דואר. לאחר זיהוי המוסר ובדיקת תוכן הכתוב, היה עובד הדואר מחתים בחותמת המאשרת את בדיקת זיהוי של המוסר. שתי חותמות יודנרט שנמצאו על תכתובת נראות בתמונות 9, 8. "אישור קבלת משלוח", אשר היה נמסר על ידי מחלקת דואר ליד ועד הקהילה מופיע בתמונה מס' 10.

מתוך הספרות אנו יודעים על חותמת נוספת של מחלקת הדואר - תמונה 11. נודע שקיימת חותמת נוספת GHETTO/POSTABTEILUNQ אבל עד עכשיו איש לא הציג אותה.

מחודש ינואר 1940 נאסר על היהודים להשתמש במשרדי הדואר בלובלין. באוגוסט 1940 יועד משרד הדואר לובלין 4 ברחוב סביאטודוסקה 22 לשימוש של אוכלוסיה היהודית בלבד. מ-4/4/1942 יועד משרד דואר זה מחדש לאוכלוסיה לא יהודית, כי האוכלוסיה




5




7




8

היהודית אשר נשארה בחיים הועברה ל"גטו לדוגמא" במיידן טטרסקי.
בגטאות גדולים יותר היתה קיימת צנזורה יהודית, לבד מצנזורה גרמנית **Oberkommando Der Wehrmacht**, אשר בדקה משלוחים לחו"ל. האם היתה קיימת צנזורה בגטו לובלין במלוא מובן המילה, לא ניתן לבדוק.
בגיטאות רבים, ועדי הקהילה היו תולים את ההוראות לשולחי גלויות הדואר לחו"ל - על מה שאסור לכתוב בהן.
(המחבר מבקש להודות לבבית לא. זולבסקי מישראל ולח.ד. ראוך מאוסטריה, עבור צילומים שבמאמר זה).







הערה: פרסום זה הינו תקציר ממאמר גדול על הרקע ההיסטורי של גטו לובלין, שהופיע בחוברת פילטליסטית פולנית-**FILATELISTYKA**, גליון 7-8-9, 1997. מתוך שבץ, מגזין הבולאים בישראל, מס' 34, אפריל 99. נמסר לדפוס ע"י חיים לנגלבן.

**<u>אירגון יוצאי לובלין בישראל * תל-אביב, רח' דיזנגוף 158</u>**

# ערב זכרון לקדושי עירנו

יתקיים ביום שלישי 16.11.99 (ז' כסלו תש"ס), בשעה 19:00
באולם **בית לייוויק**, רח' דב הוז 30, פינת גורדון, תל-אביב

<u>בתוכנית:</u>

הרצאה

החזן אריה בראון
לזכר הנפטרים

הדלקת 6 הנרות
פרקי קריאה

תחבורה: כל אוטובוסי "דן" ו"אגד" העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה.

האולם יהיה פתוח משעה 18:00.

# קדיש השואה

יתגדל - אוישוויץ
ויתקדש - לאדזש
שמי רבה - פאנאר
בעלמא דברא כרעותה - באבי יאר
וימליך מלכותה - מאידאנעק
בחייכון וביומכון - בירקענאו
ובחיי דכל בית ישראל - קאוונע
בעגלא ובזמן קריב - יאנאוווסקא
ואמרו אמן.
יהא שמי רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיה.
יתברך וישתבח - טערעזיענשטאט
ויתפאר ויתרומם - בוכענוואלד
ויתנשא ויתהדר - טרעבלינקא
ויתעלה ויתהלל - ווילנא
שמה דקדשה - בערגען בעלזען
בריך הוא, לעלה - מאוטהאוזן
מן כל ברכתא ושירתא - דאכאו
תשבחתא ונחמתא - מינסק
דאמירן בעלמא - ווארשע
ו א מ ר ו א מ ן:
יהא שלמא רבא מן שמיא וחיים עלינו
ועל כל ישראל, ואמרו אמן
ע ו ש ה ש ל ו ם ב מ ר ו מ י ו -
הוא יעשה שלום עלינו ועל כל שראל - ואמרו אמן



מיידאנק, 1990 (צילם: חיים שביט)

# ילדים בשואה

לנגלבן אסתר־קלויר

ילדה קטנה, יחפה מאי שם
גוררת עצמה על שלג לבן
מסתכלת לכל הצדדים
אולי תמצא הורים, אחים?

ילדה קטנה יחפה
בוכה ורעבה
יושבת על אבן קטנה
לזוז כבר לא יכולה

ילדה קטנה בשמלה צהובה
שקיבלה במתנה מאמה הטובה
נראית מאוגד עייפה, ושמלתה
בקושי מכסה את דל גופה

הערב ירד והיא יושבת
העיניים בוהות היא רועדת
היא חיה בקושי בדד
לפניה נעמד אחיה, האח האחד.

מושיט לה פיסת לחם כמו אבן קשה
היא לא יודעת מה לעשות עם זה
מזמן דבר יקר לא ראתה מזה
שניהם מוכי רעב וקור מתקרבים זו לזה.

אחותי הקטנה מלמל הילד
רעב וצנום, נראה כמו שלד
שניהם בוכים קפאו הדמעות
גם הם קפאו למוות - האח והאחות.

# ממגרש ביתי

**מאת: צפורה דסקל וייסלפיש**

ממרחק מה התבוננתי בהם, שניהם ישובים על דשא לפני בתיהם.
הוא בעגלה, היא על הכסא, צמודים, צמודים.
היא לוטפת ולוטפת את ידו. הוא שהיה - שהיה?
כן, כעת מנותק מהעולם הזה...
התקרבתי, ערב טוב לכם, איזה זוג נאהבים!
אמרתי. ומה את חושבת אמרה: עשרות רבות בשנים יחד!!!
ביחד עם הצער על מצבו של האיש - היה זה רגע מלבב עבורי.
"אומרים אהבה יש בעולם - מה זאת אהבה?" כתב ביאליק.
**בערך אהבה אצל אבן שושן:** רגש, חיבה רבה, אהבת נפש, אהבה רוחנית שאינה חושנית, אהבת הבריאות.
אשרי האיש חשבתי ביני לביני שאהבה קננת בליבו.

# זאָלן אלע געדענקען מאַידאַנעק!

## דאָ זענען אומגעבראַכט געוואָרן קרבנות פון 22 לענדער

מאַידאַנעק איז נאָך אַשוויענטשים געווען דער טויטן־לאַגער אויף דער פוילישער ערד. דאָ האָבן די היטלעריסטישע רוצחים, חוץ די הונדערטער טויזנטער יידן און פּאָליאַקן, אומגעבראַכט קרבנות פון 22 לענדער. דערונטער פון עסטרייך, בעלגיע, ראַטנפאַרבאַנד, פראַנקרייך, גריכנלאַנד, שפּאַניע, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע, לוקסעמבורג, ליטע, דייטשלאַנד, נאָרוועגיע, איטאַליע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע. מאַידאַנעק האָט אָנגעהויבן צו „פונקציאָנירן" שוין דעם 16־טן פעברואַר 1942 יאָר. צוערשט ווי אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע. הינטער די שטעכלדראָטן האָבן זיך די ערשטע געפונען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. זיי זענען דאָ באַשעפטיקט געוואָרן ביים אויפשטעלן דעם ריזיקן לאַגער־קאָמפּלעקס. עס האָבן דערביי אויך געאַרבעט פוילישע קריגס־געפאַנגענע און פויערים, פאַר דער שטראָף פון נישט צושטעלן צום טערמין די קאָנטינגענטן. אויך יידן פון די אַרומיקע געטאָס זענען אַהער געבראַכט געוואָרן צום אויפשטעלן באַראַקן, פאַרלייגן פאַרצוימונגען פון שטעכלדראָט, דורך וועלכע ס'איז שפּעטער דורכגעלאָזט געוואָרן עלעקטרישער שטראָם, ביים בויען די וואַכטורעמס און אַנדערע אָביעקטן.

אין אָנהייב איז מאַידאַנעק געווען אויסגערעכנט אויף 40 טויזנט אַרעסטירטע. שפּעטער האָבן די היטלעריסטן דעם לאַגער אויסגעברייטערט און ער האָט אריינגענומען 150 טויזנט מענטשן. אין דער העלפט 1942 יאָר האָבן גענומען אָנקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן פּאָליטישע אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ערוביניקעס פון דער לובלינער אינטעליגענץ. די ס. ס.־לייט האָבן אַלץ צוגענומען ביי זייערע קרבנות, זוכנדיק קודם־כל קאָסטבאַרע זאַכן און געלט. נאָך דער ערשטער „באַגעגעניש", האָט מען די אַרעסטירטע געשיקט אין „באָד" אַריין, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. די פיזיש־געזונטע האָט מען געשיקט אויף אַרבעט, די שוואַכע — אין די גאַז־קאַמערן.

דער לאַגער איז געווען צעטיילט אויף פינף פעלדער. יעדעס פעלד אין געווען אַ לאַגער פאַר זיך. פיר פעלדער — דאָס זענען געווען מענער־לאַגערן, דאָס 5־טע — אַ פרויען־לאַגער. די ערשטע אַרעסטירטע זענען דאָ געווען יידישע און פוילישע פרויען, וועלכע מען האָט געכאַפּט בעת אַ „לאַפּאַנקע" אויף די לובלינער גאַסן. אין 1943 איז די צאָל פרויען־געפאַנגענע דערגאַנגען ביז 11 טויזנט. די לעבנס־באַדינגונגען אין פרויען־לאַגער האָבן זיך מיט קיין סך נישט אונטערשיידט פון די באַדינגונגען אין מענער־לאַגער. די פרויען זענען אויך באַשעפטיקט געוואָרן ביי פאַרשידענע שקלאַפן־אַרבעטן.

צוזאַמען מיט די פרויען, האָט מען געבראַכט אין לאַגער זייערע קליינע קינדער. זיי זענען געווען מיט די מוטערס אויף איין פעלד, אָבער אָפּגעצוימט מיט אַ הויכער מויער. פון די עלטערע קינדער צווישן 8—12 יאָר האָבן די היטלעריסטן אָרגאַניזירט אַרבעטס־גרופּן. די יינגערע האָבן זיי סיסטעמאַטיש אומגעבראַכט.

מאַידאַנעק איז גאָר גיך און דאָס אָפיציעל, אָנערקענט געוואָרן אַלס פאַרניכטונג־לאַגער. עס האָבן זיך גענומען מערן די מאַסן־עקזעקוציעס פון די אַרעסטירטע.

אין אַפּריל 1942 האָט מען דערשאָסן אַ גרופּע פון 300 יידן. אין מאַי פון זעלבן יאָר האָט מען דערשאָסן 6 טויזנט יידן. מען האָט זיי אַרויסגעפירט אין קרעמפּיצער וואַלד אין 80 לאַסט־אויטאָס און אַלעמען אומגעבראַכט. אַזעלכע עקזעקוציעס זענען אין זעלבן וואַלד דורכגעפירט געוואָרן ביז דער העלפט 1943 יאָר. אין דעם יאָר האָט מען דערשאָסן אויך 300 סאָוויעטישע אָפיצירן.

מיטן אָנקומען פון די יידישע טראַנספּאָרטן פון מערב־און דרום־אייראָפּע, ווערן געשיקט אין די גאַז־קאַמערן טויזנטער יידן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. טראַנספּאָרטן זענען אויך אָנגעקומען פון וואַרשע, לובלין און אומגעגנט.

## די גרעסטע מאַסן־שחיטה

דער גרעסטער און שוידערלעכסטער מאַסן־מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן אין טאָג פון 3־טן נאָוועמבער 1943 יאָר. לעבן די שייטער־הויפנס, זענען אין דעם טאָג דערשאָסן געוואָרן 18,400 יידן פון וואַרשע, וועלכע זענען אַהער געבראַכט געוואָרן נאָכן דערשטיקן דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

אָט ווי עס ווערט באַשריבן די דאָזיקע שחיטה אין דעם קאָמוניקאַט פון דער פויליש־סאָוויעטישער ספּעציעלער קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין מאַידאַנעק, אויפן סמך פון עדות־דערקלערונגען באַלד נאָכן באַפרייען דעם לאַגער.

„דריי טעג פאַר דער מאַסן־עקזעקוציע, האָט מען אויפן שטח פון לאַגער, הינטער דער נייער קרעמאַטאָריע, אויסגעגראָבן גרויסע גריבער. די צעשיסונגען האָבן זיך אָנגעהויבן באַגינען און פאַרענדיקט שפּעט אין אָוונט.

די ס. ס.־לייט האָבן געפירט די קרבנות, אויסגעטאָענערהייט, גרופּעוויז צו 50 און 100 פערזאָן. מען האָט זיי געצוווּנגען צו לייגן זיך מיטן פנים צו דער ערד און געשאָסן אין זיי פון אויטאָמאַטן. אויף די טויטע האָט מען געלייגט אַ נייע פאַרטיע מענטשן — און אַזוי כסדר, ביז די גריבער זענען פאַרפולט געוואָרן. דערנאָך האָט מען די טויטע באַשאָטן מיט אַ דינעם שיכט ערד, און נאָך צוויי־דריי טעג אַרויסגעוואָרפן פון די גריבער און פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס".

מיט מער איינצלהייטן שילדערט דעם דאָזיקן שוידערלעכן פאַרברעכן דער אַפּטייקער פון לובלין, בורזין, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם לאַגער־אַפּטייק.

„אין טאָג פון 3טן נאָוועמבער 1943 יאָר, באַגינען —

דערציילט ער — זענען אין לאַגער געקומען צו פאָרן ספּעציעלע עקזעקוציע־אָפּטיילן פון ס. ס. אַלס אַפּטייקער האָב איך זיך געקאָנט באַוועגן איבערן לאַגער. איך האָב געזען, ווי עס זענען אַריינגעפאָרן אויטאָס מיט אַן ערך 50 עסעסאָווצעס. יעדער פון זיי האָט געהאַט אויטאָמאַטיש געווער. זיי האָבן פאַראָרדנט אַן אַפּעל פון אַלע אסירים. אין קורצן איז געפאַלן אַ באַפעל: „יודען רעכטס" דער צווייטער באַפעל איז געווען: „די איבעריקע אין די בלאָקן"! צום פאַרמאַסקירן און פאַרטויבן די שאָסן און געשרייען, האָט מען געלאָזט אין גאַנג ספּעציעלע ראַדיאָ־הילכערס. די געפאַנגענע האָט מען גרופּנווייז געפירט אויפן 5טן פעלד. די עקזעקוציע איבער די יידן האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער באַגלייטונג פון שטראַוס־עס וואַלס „אויפן שטילן, בלויען דונאַי". אויפן 5טן פעלד הינטערן באַראַק, האָט מען אויסגעגראָבן אַ לאַנגן קאָרידאָר און אויף דער אַנדערער זייט פון באַראַק — 10 גריבער, פאַראייניקטע צווישן זיך. אין די באַראַקן האָט מען געהייסן די קרבנות אויסטאָן זיך און דערנאָך זיי געטריבן מיטן קאָרידאָר צו די גריבער, דאָרטן האָבן שוין געוואַרט אויף זיי די באַוואָפנטע מיט מאַשינגעווער ס. ס.־לייט.

...די דאָזיקע עקזעקוציע האָט געדויערט פון 6 פרי ביז 8 אָוונט. בעת דער עקזעקוציע זענען אומגעקומען 18.400 יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פרויען און קינדער, די מערסטע טייל קינדער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די גריבער לעבעדיקערהייט. די קרעכצן און געשרייען פון די קרבנות האָבן זיך געהערט ווייט אויסערן לאַגער".

במשך פון דער העכער 4־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער שוידערלעכער טויטן־פאַבריק, זענען דאָ אומגעקומען אַן ערך 500 טויזנט מענטשן. דער עיקר יידן פון אַלע לענדער פון דער אָקופּירטער אייראָפּע. די מערהייט פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע האָט מען פאַרברענט אין די פינף קרעמאַטאָריעאויוונס, וועלכע האָבן דאָ געאַרבעט טאָג און נאַכט. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קרעמאַטאָריעס זענען נישט אומשטאַנד אויסצופירן די גאַנצע „אַרבעט", האָט מען גענומען ברענגען די טויטע גופים אויף אָפענע שייטערס.

די היטלעריסטישע רוצחים האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיטן בלויזן פאַרטיליקן. זיי האָבן אויך זייערע קרבנות באַרויבט פון זייער האָב און גוטס. קליידער, וועש, ברילן, פערזענלעכע טואַלעט־זאַכן, קינדערישע שפּילצייג און אַפילו האָר. חוץ דעם — מזומן געלט.

עס איז געפונען געוואָרן אַ רשימה פונעם צוגעגרייטן געלט, אין טאָג פון 3־טן פעברואַר 1943 יאָר. עס ווערן דאָרט אויסגערעכנט די וואַלוטעס פון 24 לענדער: 505.046 אַמעריקאַנער דאָלאַר, 294,070 סאָוויעטישע רובל, 789 טשעכישע קראָנען. אויסער דעם — ענגלישע פונטן און אונגאַרישע פענגעס, עסטרייכישע שילינגס, דרום־אַפריקאַנער, עגיפּטישע און טערקישע פונטן. געבוי ווערט אויך אויסגערעכנט די אויסאַרבעטונגען פון גאָלד, זילבער, פּלאַטין, פרויען־בראַנזאָלעטן, מענער און פרויען־זייגערלעך מיט ברילייאַנטן און דימענטן... ווייטער קומען הונדערטער טויזנטער מעסערלעך, שערלעך, אייביקע פעדערס, עלעקטרישע לעמפּלעך אדג"ל. די אויפשוידערנדיקע רשימה ווערט פאַרענדיקט מיט אָנגאַבן וועגן די אַרויסגעשיקטע פון מאַידאַנעק אין דריטן רייך: 251 וואַגאָנען מיט פעדערן, 317 וואַגאָנען מיט קליידער און וועש.

## פרוור פון אַנטלויפן

עס איז ממש צום באַוואונדערן, אַז אין אַזעלכע אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, איז אין מאַידאַנעק אויפגעקומען אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען, אַזעלכע ווי זעלבסטהילף, געהיימע אינפאָרמאַציע, קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט. עס זענען אַנטשטאַנען פּלענער צו אַנטלויפן. אייניקע אַזעלכע פּלענער זענען אַפילו געלונגען צו רעאַליזירן. דורך די קאַנאַלן זענען אַנטלאָפן 9 אסירים. פון אַ לאַגער־פיליע אויף דער ליפּאָווע־גאַס אין לובלין, זענען אַנטלאָפן 10 פערזאָן, אַנדערע זענען אַרויס פונעם לאַגער איבערגעטאָן אין ס. ס.־מונדירן. די און אַנדערע אַקציעס האָט דורכגעפירט די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

אויך די סאָוויעטישע געפאַנגענע האָבן דורכגעפירט אַ געלונגענע אַקציע. אַ גרופּע וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעטן, האָט דערהרגעט די וועכטער און אַנטלאָפן. עס איז אַפילו געווען אַ פּלאַן צו פאַרניכטן מיט דער הילף פון דרויסן דעם לאַגער. דער געוואַגטער פּלאַן איז אָבער נישט געלונגען, צוליבן פאַרשטאַרקן די דייטשישע מיליטערישע כוחות אויף דער לובלינער ערד, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנעענטערן זיך פונעם מזרח־פראָנט.

אין שרעק פאַר דער אָנגרייפנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי, האָבן די היטלעריסטן, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע לאַגערן, אויך גענומען עוואַקואירן מאַידאַנעק. די ערשטע טראַנספּאָרטן אסירים האָט מען אָפּגעשיקט פון מאַידאַנעק שוין אין אַפּריל 1944. מען האָט זיי געשיקט אין אַנדערע לאַגערן קיין דייטשלאַנד.

## דער לעצטער טויטן־מאַרש

צוויי טעג פאַרן באַפרייען לובלין, האָבן זיך נאָך געפונען אין מאַידאַנעק קרוב צוויי טויזנט געפאַנגענע. מען האָט זיי עוואַקואירט מיט אויטאָס, און ווען עס האָט פאַרפעלט טראַנספּאָרט, האָט מען אַ טויזנט פערזאָניקע גרופּע געטריבן צופוס. עס איז געווען אַן אמתער טויטן־מאַרש. ווער עס האָט נישט געקאָנט גיין, איז דערשאָסן געוואָרן. דער גאַנצער וועג איז געצייכנט געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט. בלויז 30 אסירים איז געלונגען צו אַנטלויפן. אויפן אָרט זענען אומגעקומען 450 געפאַנגענע.

צווישן די אָפּגעראַטעוועטע פון אומקום, האָט זיך געפונען אַ גרופּע יידישע קינדער, ווייל אין לעצטן מאָמענט האָט אַ סאָוויעטישער טאַנק אָפּגעשניטן דעם וועג אַ דייטשישן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיי געפירט צום טויט. די היטלעריסטן האָבן נישט באַוויזן, ווי אין אַנדערע לאַגערן, צו פאַרניכטן די איינריכטונגען צוזאַמען מיט די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס — די שטומע עדות פון די פאַשיסטישע פאַרברעכנס. די גאַנצע וועלט האָט זיך דערוווּסט דעם אמת וועגן היטלעריסטישן פעלקער־מאָרד אויף דער פוילישער ערד אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

# געווען אמאָל א יידישע לובלין...

דוד שטאָקפיש

דעם 9-טן נאָוועמבער 1942, זענען די לעצטע רעשטלעך פונעם לובלינער יידנטום אומגעבראכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. דאָס קליינע געטאָ אויפן מיידאַן טאטארסקי, וואַס האָט לויט דער נאַצישער באַרימעריי באדארפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ "מוסטער-געטאָ", ווו לובלינער יידן וועלן רואיק זיך אויסלעבן ביזן סוף קריג, איז יענעם טראגישן טאָג אַרומגעשטעלט געוואָרן דורך באַוואָפנטע ס.ס.-לייט און אוקראַינישע רוצחים, וועלכע האָבן דורכגעפירט זייער בלוטיקע מלאכה. אינעם דערבייאיקן טויטלאַגער מיידאנעק זענען אַוועקגעפירט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן און די אנדערע זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די מאָרד-אַרבעט איבערן העכער פערציק טויזנט-קעפיקן יידישן ישוב - איז פארענדיקט געוואָרן. איינע פון די ערשטע און גרעסטע צווייגן פונעם פוילישן יידנטום איז געוואָרן אָפּגעהאקט.

אזוי האָבן דייטשע וואנדאלן חרוב געמאַכט אן אלטע יידישע קהילה, ווו יידיש לעבן האָט אָנגעהויבן שפּראָצן נאַך אין פופצנטן יאָרהונדערט; ווו שוין אין יאָר 1547 האָבן זיך געדרוקט העברעישע ספרים; ווו אין יאָר 1580 איז אנטשטאנען דער ועד ארבע ארצות - דער סיים פון די יידן אין גאַנץ פוילן. וועגן דער חשיבות פון דער יידישער לובלין אין יענער תקופה, שרייבט דער באַוווסטער היסטאָריקער פּראָפ׳ ד״ר מאיר באלאבאַן אין זייך בוך "די יידן-שטאָט לובלין": "אָבער נישט בלויז ענינים פון די פּוילישע יידן ווערן באהאנדלט און באַשלאָסן אין לובלין, אויף די צוזאַמענפאַרן פונעם ועד, נאָר אַלע יידישע קהילות פון אייראָפּע ווענדן זיך קיין לובלין נאָך עצות, הילף, דערמוטיקונג".

טריי דער געשיכטע און טראַדיציע פון זייער רומפולער היסטאָרישער שטאָט, האָבן לובלינער יידן צווישן די לעצטע צוויי וועלט-מלחמות (1939-1918), ווייטער געוועבט דעם גאָלדענעם פאָדעם און אויפגעשטעלט אַ ברייט-פאַרצווייגטע נעץ פון פאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן און פאַריינען.

אויפן קולטור-פראַנט האָבן געווירקט די געזעלשאַפטן "הזמיר", "קולטור-ליגע", געזעלשאַפט אוונט-קורסן פאַר אַרבעטער, יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט, ביבליאָטעקן, יידיש טעאַטער, די טאָג-צײַטונג "לובלינער טאָגבלאט" און קולטור-סעקציעס ביים רוב פארטייען און אָרגאַניזאַציעס. טויזנטער יידישע קינדער האָבן באַקומען זייער דערציונג אין די יידיש מיטלשולן פון "שפער", "הומאַניסטישע" און "גלאַסבערג", ווי אין די יידיש-וועלטלעכע פאָלקסשולן, אין תרבות, "בית-יעקב", "יבנה" און בית אולפנה. דער שטאָלץ (נישט נאָר פון לובלינער רעליגיעזן יידנטום) איז געווען די באַרימטע ישיבת חכמי לובלין, די היסטאָרישע שילן פון מהרש״ל און מהר״ם, די גרויסע צאָל בתי מדרשים, חסידים-שטיבלעך, חדרים, און דאָס וויכטיקסטע - די יחוס-קייט פון גרויסע וועלט-באריִמטע רבנים און גאונים.

און פּאַרטייען האָט דאָס יידישע לובלין פאַרמאָגט - נישט צום פאַרזינדיקן.

נישט געווען אויך צו שעמען זיך מיט די ווירטשאַפטלעכע, פילאַנטראָפּישע און אַנדערע אינסטיטוציעס פונעם יידישן לובלין: בענק, "טאָז", "אָרט", סוחרים-פאַריין, קליינהענדלער-פאַריין, האַנטווערקער-פאַרבאַנד, כאלופניקעס-פאַריין, אַ יידיש שפּיטאָל, אַ יתומים-הויז, ספּאָרט-קלובן, גמילות חסדים קאסעס, ביקור חולים, פּת לאורחים - און נאָך און נאָך. אַ שם דבר איז אויך געווען די לובלינער יידישע אַרבעטער-באַוועגונג מיט דער מוסטערהאַפטער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, מיט באַזונדערע יוגנט-סעקציעס, פּרץ-הויז, ספּאָרט-קלובן, און דאָס וויכטיקסטע - די פּאָליטישע אַרבעטער-פּאַרטייען וואָס האָבן טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן אַרויסגעהויבן פון חשכות און זיי דערצויגן צו אַ בעסער לעבן...

היינט איז דאָס אַלץ נישטאָ. דער בלוטיקער היטלעריסטישער מבול האָט אַראָפּגעשווענקט די יידישע לובלין. ווי יעדעס יאָר, וועלן אין הארץ פון דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, אין תל-אביב, צונויפקומען זיך לעבנגעבליבענע לובלינער יידן און מיט באַנייטער קראפט אויפלעבן אין זייער זכרון די שטאָט פון דער קינדהייט, די שטאַט פון חדר און שול, פון רבינס קאנטשיק און דעם טאטנס קניפּ אין בעקל, די היימען מיט די שבת-ליכט און די חברים פון די יוגנט-יאָרן. עס וועט זיך נאָכאַמאָל אַנטפּלקן פאַר אונדז די היימשטאָט מיט איר פאַרביקייט, ברויזנדיק געזעלשאַפטלעך לעבן און שוווּנג, די שטאָט פון גרויסע עמיגראַציעס און וואַנדערונגען אין פאַרשידענע לענדער און פון דער העראָישער עליה אין אייגענעם לאַנד. עס וועלן פאַר אונדז אויפטויכן די געשטאַלטן פון די הארציקע, פאָלקסטימלעכע, חסידישע און וועלטלעכע יידן, מיט זייער גייסטיקן באגאזש און טעמפּעראמענט, מיט זייערע יסורים און דערהויבנקייט - ביזן טראַגישן אומקום...

(פונעם בוך "אין גאנג פון געשעענישן", תל-אביב 1982)

# א קאָלעקטיווע ארבעט וועגן לובלינער ייִדנטום

אלכסנדר שריפט

אין פאַרלאַג פון מאַריאַ קירי-סקלודובסקי אוניווערסיטעט האָט זיך באַוויזן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט "יידן אין לובלין" (מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפט אין לובלין), וועלכע אַנטהאַלט א זאַמלונג פאָרשונגען פון אלזייטיקן כאראקטער פון יידישן לעבן. אָבער, טראָץ דעם, וואָס די טעמעס זענען צונויפגעשטעלט כראָנאָלאָגיש, פרעטענדירט נישט די דאָזיקע ארבעט צו זיין אַ סקיצע פון דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לובלין. איר ראָל דאַרף בלויז זיין אין אָנווייזן די הויפּט-ריכטונגען פאַר פאָרשער פון מאָנאָגראַפישן און היסטאָרישן כאַראַקטער. פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע פאָרשונגען זענען גאָר וויכטיק, ווייל מ'דאַרף געדענקען, אז די יידישע באַפעלקערונג איז געווען א וועזנטלעכער, אויב נישט אַ גרעסערער באַשטאַנדטייַל אין שטאָט, אָבער איר ראָל און באַדייטונג אין דער אנטוויקלונג פון לובלין, זענען ביז איצט קאָנסעקווענט, צוליב פארשידענע סיבות, פאַרמינערט אָדער מאַרגינאַל באַהאַנדלט געוואָרן. מיט דער אָפּהאנדלונג פונעם בוך האָט זיך פארנומען הער יעזשי טאָמאַשעווסקי, אַ באַוווסטער קענער פון דער פראָבלעמאַטיק פון יידן אין פוילן. די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פון מאריא טראָיאַנאָווסקאַ און ראָבערט קוואַלעק זענען געווידמעט דעם היסטאָרישן מקור פון לובלינער יידן אין XVI-XVIII און אין XIX-XX יאָרהונדערטער, וואָס געפינען זיך אין מלוכהשן אַרכיוו אין לובלין. וועגן דער אַקטיווער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון יידן אין די יאָרן 1815-1864 און וועגן זייער אָנטייל אין דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, שרייבט דער פאָרשער בראָניסלאַוו מיקולעץ. דער מְחַבֵּר האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צו דער געשיכטע וועגן אנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אנטוויקלונג פונעם האַנדל, אינדוסטריע און האַנדווערק.

וועגן יידישן שול-וועזן אין לובלין אין די יאָרן 1915-1864 שרייבט רישאַרד קוכאַ. ער האָט געפאָרשט די רעליגיעזע שולן (חדר) ווי אויך די וועלטלעכע - פריוואטע, עלעמענטאַרע און מיטלשולן. די געשיכטע פון דער לובלינער יידישער געזעלשאַפט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט געפאָרשט און באַשריבן יאַן לעוואַנדאָווסקי, וועלכער האָט אלזייטיק זיך באַצויגן צו זייער טעטיקייט. דער מְחַבֵּר פון אַ סטאַטיסטישער פאָרשונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלין איז געווען טאַדעאוש ראַדזיק. אין זיין אַרבעט געפינען זיך נישט נאָר טרוקענע ציפערן, נאָר אויך אַ גרונטלעכער אַנאַליז פון דער שפּראַך-באַניצונג, בילדונג-ניוואָ און באַשעפטיקונג סטרוקטור אין לובלין און אין דער אומגעגנט.

מיט פאָרשן די טעטיקייט פון דער יידישער קהילה, און די יאָרן 1918-1939, האָט זיך פאַרנומען איזאַבעלאַ גלאַדיש, וועלכע האָט אין איר אַרבעט זיך באַמיט אַרומנעמען אַלע אַספּעקטן פון דער קהילה טעטיקייט. מיט פּראָבלעמען פון בילדונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרנומען יעזשי (דאָראָשעווסקי). זיין פאָרשונג נעמט אַרום די יאָרן 1919-1939 און באַציט זיך צו דער עלעמענטאַרער און מיטל-בילדונג אין עפנטלעכע און פריוואַטע לערנאַנשטאַלטן. ער האָט אויך געשריבן וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער יְשִיבַת חָכְמֵי לובלין; וועגן דער רייכער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג האָט געשריבן עמיל האָראָך. אין זיינע צוויי סקיצן האָט ער איינעם געווידמעט דעם "בונד" און דעם צווייטן דעם מאַסן-אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג. וועגן דער ראָל פון די יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט און אין מאַגיסטראַט האָט געשריבן זביגניעוו זאַפּאָראָווסקי, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן די דויערהאַפטיקע שפורן אין דער נייער געשיכטע פון דער שטאָט.

וועגן דער טעטיקייט פון יודענראַט האָט געשריבן יאָזעף טאָמטשוק, באַזירנדיק זיך אויף די אַקטן אין לובלינער ארכיוו. דער מְחַבֵּר פון דער לעצטער פאָרשונג איז יאָזעף מאַרשאַלעק, וועלכער האָט געפאָרשט דעם גורל פון העכער 53 טויזנט וואַרשעווער יידן, דעפּאָרטירטע אין די אַרבעטס און פארניכטונגס-לאַגערן אין לובלין און אומגעגענט. מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די נייע פובליקאציע פונם לובלינער אוניווערסיטעט U.M.C.S איז אַ גאָר וויכטיקע, ספּעציעל פאַר פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפט פון לובלין און ספּעציעל פאַר דעם יינגן דור, פאַר וועלכן די יידישע קולטור, זייער ראָל און אנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער שטאָט און לאַנד, זענען פאקטיש אומבאַקאַנט. די דייַטשישע רוצחים, אין זייַער פארמעסט קעגן לובלינער ייַדישן ישוב, האבן זיך פארנומען מיט אויסמעקן יעדן שפור פון ייַדישער געשיכטע אין לובלין, פארניכטן אירע היסטארישע ייַדישע ערטער, אירע שולן און בתי מדרשים, צעשטערן די בית עלמינס און אלץ, וואס ייַדן האבן אויפגעהיטן פאר דור דורות. אפילו דאס לובלין פון אונדזער דור, פון דער נייַער צייַט, איז פול געווען מיט לעגענדעס פון אמאל און דערינערונגען פון דורות. יעדער שטייַן אויף דער ייִדן-גאס איז דאך אויסגעווייקט געווען מיט קדושה און מסירות נפשדיקע גבורה.

אויף אונדז, די לעבנגעבליבענע ייִדן פון לובלין, וואס זענען צעשפרייט אויף דער וועלט, ליגט דער הייליקער חוב ווייטער שמידן די גאלדענע קייַט פון אונדזער עיר ואם בישראל - לובלין און איבערגעבן אונדזער יחוס - בריוו אין די הענט פון די קומענדיקע דורות. צו דעם דארף מען וואס שנעלער מאביליזירן דעם צווייַטן און דריטן דור צו אקטיווער טעטיקייַט אין די לאנדסמאנשאפטן.

# זכרונות מהפעולות הראשונות הציוניות בלובלין

יצחק שבח לוינשטיין

בשנת 1908 נפוצו שמועות מפה לאוזן בביה״ס של המשכיל הידוע ר׳ חיים הירש (שגם אני הייתי בין תלמידיו) שעומד להגיע סטודנט ממחלקת המשפטים בכדי לארגן את הנוער הלומד היהודי בלובלין להדריכו לפעולות ציוניות, להפיץ את הרעיון הציוני והשפה העברית בקרב הצבור היהודי דאז.
הסטודנט למשפטים שהגיע אלינו היה יצחק גרינבוים המנהיג של יהודי פולין בתקופה מאוחרת יותר.
האסיפה התקיימה בבית שטינברג ברחוב בראמאווא ובה נאם גרינבוים.
היות שחיינו במשטר הצאַרי וכל פעולה ציונית היתה אסורה, העמדנו שני חברים על המשמר לפני פתח הבית, להודיע על כל סכנה מתקרבת.

ומאז היינו מתאספים תכופות לשיחות על נושאים ציוניים, כל פעם אצל חבר אחר, על פי רוב היינו מתאספים ביום שישי אחה״צ וביום שבת לפנה״צ אצל החבר יוסף אשכנזי ברחוב נובה.

הפעילים בחוג היו יוסף אשכנזי, לייב אוזיל, המורה ברו, בכר, יוסף ליכטנשיין, משה פדר, לייב שטינברג וכותב השורות האלה.

בשנת 1910 הגיע ללובלין האברך המשכיל אליעזר ליפא בלוך ז״ל ונשא לאשה את הצעירה בת לובלין הדסה לבית בלאנק.
ליפא בלוך התחיל מיד עם בואו לעירנו בפעולות ארגון נרחבות ועשה רבות למען הרחבת החוג שלנו לפעולות ציוניות, שכרנו אולם ברחוב גראדזקה תחת השם ״אגודת חובבי שפת עבר״ וההרצאה הראשונה המעניינת היתה של בלוך על הנושא ״הכוזרי ויהודה הלוי״, הירצו עוד המורה הגב׳ ברו, עובדיה שינברון ועוד.
כמעט כל ערב היינו מתאספים לשיחות חברים על נושאים שונים.

יושב האוהל התמידי באולם ערב ערב היה ר׳ אהרן ליכטשיין (אביו של החי׳ משה), סוחר גרוטאות, יהודי בשנות שיבה בעל מזג טוב ולב חם ומוכן לכל פעולה ציונית.

התחלנו אז בפעולות הראשונות למען הקק״ל. כל אחד קבל פנקס בולים למכירה ולהפצה בין מכרים וידידים ותוך כך להחדיר את הרעיון של הקק״ל לרחוב היהודי, התחייבנו גם לצרף בול של הקק״ל לכל מכתב כמובן בפנים המכתב וגם לאסוף תרומות בהזדמנויות של שמחות וכו׳ אצל מכרים וידידים.
זה נמשך עד פרוץ מלחמת העולם הראשונה.

עם כיבוש לובלין ע״י הצבא האוסטרי, חל מפנה בפעולות הציוניות אבל זה פרק בפני עצמו.

# די ערשטע שריט פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין לובלין

*יצחק שבח לוינשטיין*

אין יאר 1908 האבן זיך פארשפרייט קלאנגען צווישן די תלמידים פון ר׳ חיים הירשס שולע, אז ס׳דארף קומען א סטודענט פון יורידישן פאקולטעט, וועלכער וועט זיך פארנעמען מיט ארגאניזירן די יידישע יוגנט פון לובלין פאר ציוניסטישער טעטיקייַט, פארשפרייַטן דעם ציוניסטישן געדאנק און די העברעישע שפראך צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג. דער סטודענט-יוריסט איז געווען יצחק גרינבוים שפעטערדיקער פירער פון פוילישן יידנטום.



**יצחק שבח לוינשטיין**

דער צוזאמענטרעף איז פארגעקומען אין דער וווינונג פון פאמיליע שטייַנבערג אויף דער בראמאווע גאס, און דארט האָט רעפערירט י. גרינבוים. אזוי ווי לובלין איז געווען אונטער דער צארישער הערשאפט און ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען פארבאטן, האבן מיר אוועקגעשטעלט אויף דער וואך צוויי חברים ביים ארייַנגאנג אין הויז, וועלכע האבן באדארפן צוּוויסן געבן ווען יעדער סכנה וואָס דערנענטערט זיך.

און אזוי האבן זיך אנגעהויבן אונדזערע צוזאמען-טרעפן, אויף וועלכע מיר האבן באהאנדלט ציוניסטישע טעמעס, יעדעס מאל ביי אן אנדערן חבר. די טרעפונגען זענען על פי רוב פארגעקומען פרייטיק נאָך מיטאג און שבת פארמיטאג אין דער וווינונג פון יוסף אשכנזי אויף דער נאווי גאס.

←

צו די אקטיווע חברים האבן געהערט: יוסף אשכנזי, לייב אזשעל, פרוי בערא, בעכער, יוסף ליכטענשטיין, משה פעדער, לייב שטיינבערג און שבח לעווענשטיין.

אין יאר 1910 איז געקומען קייַן לובלין א געבילדעטער ייַנגערמאנשטיק אליעזר ליפא בלאך, וועלכער. האָט געהייראט מיט הדסה בלאנק.

באלד נאכן קומען פון ליפא בלאך קיין לובלין, האָט ער אנגעהויבן אויסברייטערן אונדזער קרייז, וועלכער האָט זיך פארנומען מיט ציוניסטישער טעטיקייט. מיר האבן געדונגען א זאל אויף גראדזקי-גאס אונטערן נאמען "פארבאנד פון ליבהאבער פון העברעיש" און די ערשטע זייער אינטערעסאנטע פארלעזונג איז געווען "הכוזרי און יהודה הלוי". אויך די לערערין - פרוי בערא, עובדיה שיינברון און אנדערע האבן געהאלטן רעפעראטן.
יעדן אוונט האבן מיר זיך געטראפן און דיסקוטירט אויף פארשידענע טעמעס. א שטענדיקער אנטיילנעמער אין די זיצונגען אין זאל, איז געווען אהרון ליכטשיין-האס. ער האָט געהאנדלט מיט אלטע זאכן, א מענטש, א גוטע נשמה, וועלכער איז שטענדיק געווען גרייַט העלפן אין יעדער ציוניסטישער טעטיקייט. מיר האבן דא אנגעהויבן אונדזער טעטיקייט פארן "קרן קיימת לישראל". יעדער פון אונדז האָט באקומען א "פנקס" מיט מארקן צו פארשפרייַטן צווישן פריינד און באקאנטע און אזוי ארום ווירקן אז די אידעע פון קרן קיימת זאל אריינדרינגען טיף אין די הערצער פון די לובלינער יידן. מיר האבן זיך אויך פארפליכטעט צו-לייגן צו יעדן בריוו א מארקע פון קרן קיימת און אויך אויף שמחות ביי פריינד און באקאנטע זאמלען שפענדונגען אויף דעם ציל. דאס אלץ האָט געדויערט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. מיטן אקופירן די שטאט דורך דער עסטרייַכישער ארמיי האָט זיך די לאגע פארבעסערט.



"הגשר היהודי" - רחוב המוביל לשכונת היהודים

## א וואָרט צו דער היי-יאָריקער אזכרה

אלכסנדר שריפט

ווי אלע יאָר, פאַרזאַמלען מיר זיך היינט, כדי צו פאַראַייביקן און נישט לאָזן פאַרגעסן דעם טראגישן טאָג, אין וועלכן די דייטשע רוצחים מיט זייערע צוהעלפערס האָבן ליקווידירט דאָס קליינע געטאָ אויפן מיידאַן טאַטאַרסקי און אַזוי אַרום פאַרענדיקט זייער שוידערלעכע מלאכה. עטלעכע טויזנט יידן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין טויטלאַגער מיידאַנעק און די איבערגעבליבענע האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט.
57 יאָר זענען אַוועק פון יענעם טאָג, ווען דאָס יידישע לובלין האָט אויפגעהערט עקזיסטירן, און אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד איינע פון די רומפולע שטעט פון פּוילישן יידנטום. אונזער היימשטאָט לובלין האָט במשך הונדערטער יאָרן געשטראַלט און באַלויכטן אַלע יידישע קהילות אין פוילן, מיט איר תורה און חכמה, לומדות, חסידות, ישיבות, צדקה און פילפאַרביקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. דאס אַלץ איז געווען אַמאָל, דאָס איז אונדזער ייחוס-בריוו.
היינט, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דער געשיכטע פון נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה און מיר טרעפן זיך אָן אויף "כלומערשטע געלערנטע" וועלכע פרובירן אָפּלייקענען די פאַרברעכערישע מעשים פון די נאַציס קעגן דעם יידישן פאָלק, און אויך "ריינוואַשן" די, וועלכע זייער טאָג-טעגלעכע באַשעפטיִקונג איז געווען פייניקן און מאָרדן אומשולדיקע מענטשן.
ס'איז גוט באַקאַנט דער פאַקט, אַז אַ נאַצי אפיציר מיט אַ פאַרברעכערישער פאַרגאַנגענהייט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מלוכה-פרעזידענט אין עסטרייך.
די לעצטע טעג זענען מיר עדות, אַז די עקסטרעם רעכטע "פרייהייטס-פאַרטיי" מיט יורג היידער אין דער שפיץ, האָט א גרויסע דערגרייכונג אין די וואַלן אין עסטרייך. אין רעזולטאַט פון דער געשאַפענער לאַגע, האָט אונדזער אויסערן-מיניסטער, דוד לוי, רעאַגירט זאָגענדיק, "אַז נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן מיר געהאָפט, אַז אייראָפּע וועט מאַכן די געהעריקע אויספירן, און אויך אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די עסטרייכישע געזעלשאַפט וועט מאַכן אַ חשבון הנפש און נישט דערמעגלעכן דעם אויפשטייג פון טרויעריק-באַרימטע אידעאָלאָגיעס".
אויף אונדז יידן ליגט דער הייליקער חוב מאָביליזירן אַלע פראָגרעסיווע כוחות, און צונישט מאַכן אַלע פרווון פון ווידער אויפלעבן דעם נעאָ-נאַציזם מיט זיינע ראַסן-טעאָריעס, שׂנְאָה צווישן פעלקער און סְתָם אַנטיסעמיטישע העצע.
היינט, ווען מיר לעבן פריי אין אונדזער יידישער מדינה און ווייטיקן איבער דעם אומקום פון די נאָענטסטע, זענען מיר נישט פריי פונם געפיל פול מיט צאָרן קעגן דער ארומיקער וועלט, וואָס האָט גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו אונדזער פאָלקס-טראַגעדיע און דערלאָזט צו דער שוידערלעכער פאַרניכטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. כבוד אונדזערע קדושים! אייביקע פאַראַכטונג זייערע מערדער!

teatrnn.pl

# יידישע פאָלקס-שולן אין לובלין

לאַזער גאָלדבוים
ס.פּאולאָ

א דאנק די ציש״אָ*-שולן, האָבן מיר הונדערטער געזעלשאפטלעכע טוער אין ישראל און אין די תפוצות, ווו זיי קולטווירן די יידישע שפּראך און גיבן אויך זייער ביישטייער צו דער אנטוויקולונג פון קולטור געזעלשאפטלעכן לעבן פון די יידישע ישובים אין דער גארער וועלט. די פועלי-ציון באוועגונג, דער בונד און פאָלקיסטן האבן אויפגעהאלטן די דערציונג-אנשטאלטן א.נ. בער באָראָכאָוו און י.ל. פרץ און אויך אָוונט-קורסן. אָן שום ספק, אז צום דערפאָלג פון דער דערמאָנטער ארבעט האָבן אויך בייגעטראָגן די לערער און לערערינס, וועלכע האָבן געארבעט געטריי, נישט געקוקט אויף דער קריטישער פינאנסיעלער לאגע פון די שולן און משפחות, וועמענס קינדער זענען געווען די תלמידים.

דער אויפהאלט פון דער ציש״אָ באוועגונג אין פוילן איז צו פארדאנקען די קולטור טוערס, ווי ש. קאזשדאן, יעקב זרבבל, יעקב פאט, ש.מענדעלסאן און אנדערע, וועלכע האָבן באזוכט די פארייניקטע שטאטן און פון דאָרטן געברענגט די מתנות פון יידן, וואס האבן געשטיצט דעם מאדערנעם, יידישן שול-וועזן אין פוילן. גאָר באזונדערס איז וויכטיק אויסצוטיילן אין "קול לובלין" די יידישע פעדאגאָגן, ספעציעל דער לערער מאיר גוטמאן. ער האָט געארבעט יאָרנלאנג אין דער באָראָכאָוו-שול און אין אנדערע שטעט פון לאנד. ער האָט איבערגעלעבט די קאָנצענטראציע לאגערן, בעת דער צווייטער וועלט מלחמה, פאָרגעזעצט זיין דערציערישע ארבעט אין די פאר.שטאטן און געשטאָרבן אין עלטער פון 100 יאר אין אריזאָנא. דער "פאָרווערטס" האָט בשעתו אָפּגעגעבן גרויס כבוד פאר אונדזער לערער מאיר גוטמאן ז״ל.

א טיכטיקע לערערין איז געווען מאטילדע אייבעשיץ, פון א רייכער משפחה, די אינהאבער פון דער לאָדזשער באנק, א הארציקע פרוי, וואָס האָט אָנגעהאלטן א שריפטלעכן קאָנטאקט מיט מיר און נאָך שילער. ס׳איז געווען באוווּסט, אז זי האט עמיגרירט קיין ראטנפארבאנד און סאיז ניטא קיין ידיעות וועגן איר. יארנלאנג האבן געארבעט אין די לובלינער שולן די לערער עמנואל בינדער און מאיר בינדער. דער ערשטער, טוער פון לינקע פועלי ציון, דער ערשטער קרבן פון דער נאצישער באַמבארדירונג אין לובלין, דער צווייטער האט שטודירט מעדיצין אין מאָסקווע, אומגעקומען אין ביאליסטאק בעת דער מלחמה. זיין טאכטער סאניע סלאווין לעבט אין לאָס-אנדזשעלעס. די ביאליסטאָקער לאנדסלייט אין די שטאטן האבן געראטעוועט איר און די מוטער יעטא בינדער ז״ל, געוועזענע לערערין אין די יידישע שולן פון ביאליסטאק.

אין די לובלינער שולן האָבן געארבעט: כעלא מארדער, געשטארבן אין די פ. שטאטן, לערער ברוידע, לאַזאָווסקי, לערערין זיגמונד, לאה מערמעלשטיין, חיה מענדעלסאָן פון לוקאָוו. די נאציס האָבן זי דערמאָרדעט אין ביאליסטאק. די פרוי בעלא שפּיראָ, לאוניק פון לובלינער שטאָטראט האט יארנלאנג קאָאָרדינירט די ארבעט פון די לובלינער ציש״אָ שולן און איז דערמארדעט געוואָרן דורך די נאציס. זי האט נישט געוואלט אויסזאָגן ווו עס באהאלט זיך איר מאן, יאנקעלע ניסנבוים: רעדאקטאר פון "לובלינער טאגבלאט".

ס׳איז אויך ווערט צו דערמאָנען די יידישע פארמעגלעכע משפחות פון שטאָט, וועלכע האבן געשטיצט דאָס וועלטלעכע יידישע שול-וועזן, מאָראליש און מאטעריעל. כ׳געדענק נאָך, ווי זיי האבן דערלויבט, אז אין זייערע סאלאנען ווו ס׳זענען געווען פארטעפיאנען, האָבן מיר געמאכט רעפעטיציעס פאר די גרויסע אונטערנעמונגען אין גרעסטן קינאָ-זאל פון שטאָט, "קארסא". די באָראָכאָוו שול אונטער דער אָנפירונג פון דערמאנטן לערער גוטמאן, האָט דאָרטן אויפגעפירט די אָפּערע "דאָס פארבלאנדזשעטע מיידעלע" און מקבל פנים געווען די עמינענטע פערזענלעכקייטן, ווי שלום אש, דר. חיים זשיטלאָווסקי און אנדערע, וועלכע האבן באזוכט לובלין.

אונדזער יידן שטאָט לובלין, ווי עס האט באצייכנט דער היסטאָריקער מאיר באלאבאן, פארדינט נאטירלעך אן אומאויפהערלעכע דערמאנונג לדור דורות, צוליב די היסטארישע ראָל און אויפטוען פון לובלינער יידנטום פאר אונדזער קולטור שפּראך און פילפארביקער טעטיקייט פון לינקע און רעכטע קרייזן, פון יידישיסטן און אסימילאטארן. היטלער ימח שמו וזכרו האָט אלץ אומגעבראכט. סאיז דעריבער אונדזער הייליקער חוב, נישט לאָזן פארגעסן אונדזער יחוס קוואל פון וואנען מיר האָבן געשעפט אונדזער וויסן און אינטעליגענץ.

*ציש״אָ - צענטראלע יידישע שול-אָרגאניזאציע


מזל טוב און פיל נחת

ווינטשן מיר אונדזערע ליבע שוועגערין און שוואגער

**פאַני און פישל ראַזענבוש**

צו דער חתונה פון זייער אייניקל

**מֵדד** מיט **שרית**

רבקה און דוד שטאקפיש און משפחה

# גאסן און מענטשן אין אמאָליקן ייִדישן לובלין

זעליג וואסערשטרום / ניו־יאָרק

דאָס יידישע לעבן, דער רוב פון דער יידישער באפעלקערונג, איז געווען קאָנצענטרירט ווי אויף איין אָרט. עס הויבט זיך אָן אויף דער שעראַקע (יידן־גאס), ביז דער יאטקע־גאס (יאַטעטשנע), ווו האָרט ביים בארג פון שלאָס שטייט די גרויסע, בארימטע מהרש״ל־שיל. טיפער אין דער יאטקע־גאס, הינטער דער מהרש״ל־שיל, געפינט זיך די גרויסע תלמוד־תורה. און אנטקעגן — די באָד, ווו יידן גייען זיך טובל זיין. ווייטער אין דער זעלבער גאס, איז פאראן אַן אָפטיילונג פון דער תלמוד־תורה פאַר יינגערע קינדער. פון יאטקע גאס פירט דער וועג ארונטער, אונטערן שלאָס און ארום דעם שלאָסבארג — צו דער גאס וואָס רופט זיך שניידער־גאָס (קראַוויעצקא). דאָרט איז טאקע פאראן דאָס שניידערישע בית־המדרש.

ווייטער איז קראסוצקיס סיגארעטן־פאבריק. נאָך א שטיקל וועג איז די באָסקיבוינע גאס מיט די אלטע, איינגעבויגענע הייזקעס, ווו מען זעט ארויס דאָס גאנצע ביסל אָרעמקייט פון די יידישע איינוווינערס. און ווייטער — דער יידישער קלויסטער. נאָך דעם הייבט זיך אָן „אויף דער בריק״. פון איין זייט — די געניקלעך. און פון דער אנדערער זייט פון דער יידישער בראָם, זענען געווען פון בידנע געוועלבלעך, ווו די אָרעמע באפעלקערונג האָט געקענט קויפן אַן אלטן, געטראָגענעם אנצוג, אָדער א ווינטער־פאלטאָ. עס זענען אויך געווען געוועלבלעך פון אלטע, גענוצטע שיך פאר דערוואַקסענע און פאר קינדער.

אויף דער בריק איז תמיד געווען א שטארקע באוועגונג פון פארשידענע זייטן. ארונטער, רעכטס, האָט זיך געצויגן די יידן־גאס (שעראַקא), און אין דער לינקער זייט, צווישן די גאסט־הייזער (די קאָוואלסקע) — א יידישער האנדלס־צענטער. צווישן דיביידע גאסן, אין א שמאָל געסל, איז געשטאנען די אפטייק. פאקטיש איז זי געווען א פּוילישע, אָבער צוליב איר „געאָגראַפישער״ לאגע, האָט מען זי גערופן „די יידישע אפטייק״.

לאנגע יאָרן האָבן זיך יידן ניט שטארק אינטערעסירט מיט דער פוילישער שפראך, ווייל די פוילישע באפעלקערונג האט געלעבט אין אנדערע געגנטן פון שטאָט. יידן האָבן זיך מיט זיי ניט געחברט. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג, אויסער די וואָס האָבן געוווינט צווישן יידן, באדינט יידישע הייזער, גערייניקט די גאסן און אויסגעפירט נאָך אנדערע ארבעטן. האָבן זיי מיט זייערע פאמיליעס און קינדער זיך אויסגעלערנט ניט קיין שלעכטן יידיש.

ביים סוף פון דער יידן־גאס האָט זיך אָנגעהויבן די ראַשע־גאס (רוסקא), וואָס האָט געפירט צו דער לעווארטאָווער גאס (לובארטאָווסקא) — די לענגסטע גאס פון דער יידישער געגנט, די גרעסטע האנדלס־גאס פון דער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך כסדר פארגרעסערט. און וואָס גרעסער די יידישע באפעלקערונג, אלץ ענגער און דושנער איז געוואָרן אין די וווינונגען, הייזער, גאסן און געסלעך. דער ברוק און טראָטוארן פון די יידישע גאסן — צעהאקט און צעבראָכן, און אין די נעכט — שוואך באלויכטן. שטייערן פון די יידן האָט די שטאָט־פאַרוואלטונג (מאגיסטראט) גענומען אָן רחמנות, אָבער בּאַצירט און באַלויכטן האָט מען נאָר דעם טייל שטאָט, ווו עס האָט געוווינט די פוילישע באפעלקערונג.

קיין שטאַרק אינדוסטריעלע שטאָט איז לובלין ניט געווען. אויף דער לעווערטאָווער גאס — העס׳ פאבריק פון וואָגן, ווו עס האָבן געארבעט עטלעכע הונדערט פוילישע ארבעטער, נאָר יידישע ארבעטער האָט מען דאָרט ניט צוגעלאזט. אין די פּוילישע געגנטן זענען געווען עטלעכע מעטאל־פאבריקן.

אָבער אויך יידן מוזן לעבן. האָט מען זיך גענומען צו שניידעריי, שוסטעריי, בעקעריי, סטאָליערריי, בלעכעריי, שלאָסעריי, פריזירעריי און אנדערע פאכן. א טייל האָט זיך פארנומען מיט האנדל. אזוי האָט איינער געלעבט פון צווייטן, נאָר דאָס לעבן איז געווען א שווערס, א ביטערס, פול מיט פארצווייפלונג. אָן א האָפענונג, אָן א ציל...

✶ ✶ ✶

דער צווייטער בארג, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם שלאָס־בארג, איז געווען דער אלטער בית־החיים (הייליק אָרט), וואָס שטייט שוין אריבער זעקס הונדערט יאָר. אין יענער צייט האָבן די רייכע, פוילישע ערד־באזיצערס ניט געוואָלט פארקויפן צו יידן באָדן אויף א צווייטן בית־עולם. האָט מען דאָס אלטע בית־הקברות דריי מאָל פארשאָטן מיט ערד, איינס אויפן צווייטן — און דריי מאָל געלייגט דאָרט די פארשטאָרבענע יידן. פון דעם איז דער בית־החיים פארוואנדלט געוואָרן אין א הויכן בארג. האָבן יידן געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז דער בארג וועט וואקסן ביז די הימלען, וועט שפעטער קומען די גרויסע אויפרעכטונג, ווייל פון דעם בארג וועט

←



רחוב גרודזקה

אַראָפּנידערן משיח מיטן גרויסן שופר — און ייִדן וועלן טאַקע געהאָלפן ווערן...

✶ ✶ ✶

דער טאָג קומט אַריין מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי ער וואָלט נישט וועלן אויפוועקן און איבעררייסן גוטע חלומות. אַ טייל ייִדן שלאָפט נאָך פון דעם שווער דורכגעלעבטן נעכטן, נאָר מיט בטחון אין אַ בעסערן מאָרגן. די הייזער פון ייִדישן קוואַרטאַל שטייען ווי זקנים און דרימלען. פון ווייטנס, ביי אַן אָפּענעם פענצטער, הערט מען פון אַ ייִד דעם ניגון פון לערנען. דער ערשטער וואָס באַווייזט זיך אין גאַס, איז חיים דער וואַסערטרעגער. אַלץ שלאָפט נאָך, אָבער ער פאַרזאָרגט שוין די שטובן מיט וואַסער. דאָס מאָל קומט ער אַרויס אַ פריילעכער, אַפילו מיט געזאַנג:

— „מי כמוך בעל גבורות ומי דומה לך" — איי, האָט דער חזן דערלאַנגט. איי, האָט ער דערלאַנגט אַ „מי־כמוך" — רעדט ער צו זיך אַליין, צו דער ליידיקער גאַס.

ר' בנימעלע היטלמאַכער גייט אַרויס אויף די גענִיקלעך, אַנטקעגן דער ייִדישער בראַם, עפֿענען דעם לאָדן פון זיין פענצטער. מיט אַ שטאַרקן, יחסנישן גענעץ, וועקט ער אויף אַ האַלבע גאַס פון שלאָף. ר' בנימעלע איז ניט געווען אַ גרויסער לערנער. אַ פֿאָלקס־ייִד, אַ היטלמאַכער, אָבער אַ גלויביקער און אַ שטאַרק אָפּגעהיטענער צו זיין ייִדישן גאָט. ער האָט זיך טאַקע געשטעלט פאַר אַ ציל צו מאַכן פאַר אַ למדן זיין עלטסטן זון משהלע וואָס האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען. האָט דער טאַטע געשעפּט נחת פון זיין זון.

ר' דוד נחמן דער בעל־עגלה, מיט זיין וואָגן און צוויי פערד האָט געפירט נאַפט פון דער באַן אין אַלע נאַפט־געשעפטן פון שטאָט. אַן איינפאַכער ייִד געווען, אַ פֿאָלקס־מענטש, נאָר אַ פאַנאַטישער צו זיין אמונה און צו זיין ייִדישן גאָט. יעדן פאַרטאָג, ווען אַלץ איז נאָך געווען איינגעהילט אין שלאָף, האָט ער געשפּאַנט זיינע צוויי פערד, בעת זיין ווייבל רחל'ע האָט אים געבראַכט אַן עמער מיט וואַסער. ווען ער האָט דערלאַנגט די פערד צום טרינקען, האָט ער געמאַכט אַזאַ הויכן „שהכל", אַז ר'האָט אויפגעוועקט אַ גאַס מיט מענטשן — און זיין רחלע פלעגט הויך זאָגן „אמן". ר' דוד נחמן איז אַרויף אויפן וואָגן, דערלאַנגט אַ קנאַק מיט דער בייטש — און „וויאָ", געפאָרן זאָל ווערן... ווען ער פאָרט פאַרביי די ייִדן־גאַס, הערט מען פון דערביייאיקן אַפּטייק־געסל שרייען פּעטשי די באָבעלע־בעקערן: „הייסע באָבעלעך, הייסע באָבעלעך"! — מיט אַזאַ יאָמערלעכן געשריי, ווי זי וואָלט אין דעם אויסגעדריקט דעם ביטערן געראַנגל צו פאַר־דינען אויפן שטיקל ברויט.

ר' מאיר'לע שלישער מיט זיינע בנים קלאַפּן שוין מיט די האַמערס, צי ס'איז דאָ אַרבעט, צי נישט. אַ געקלאַפּעריי הערט מען שטענדיק, עס זאָל דערמאָנען די פאַרבייגייערס, אַז דאָ רודערט זיך. היינט איז צופעליק דאָ וואָס צו טאָן, הערט מען אויך אַ זמר. „אדון עולם, אשר מלך, בטרם כל יציר נברא". אַזוי זינגען זיי אויס די שווערע אַרבעטס־טעג.

ר' יאַנקל קאַסטן דער שוסטער און דער שוואַרצער הערש דער מעל־טרעגער לויפן אין רבינ'ס בית־המדרש דאַווענען. זיי שטעלן זיך אָפּ, צו הערן דעם קאָנצערט פון מאיר'עלעס וואַרשטאַט. עס קומען אָן ייִדן פון אַלע זייטן, וואָס איילן זיך צום דאַווענען, דאָך שטעלן זיי זיך אויך אַוועק הערן דאָס געזאַנג. און איינער פון די צוהערערס פרעגט אויפן הויכן קול: — האָט איר נאָך געזען אַזאַ פאָלק, ווי מיר ייִדן? אַזוי קענען באַזונגען דאָס אייגענע, שווערע לעבן, דערצו נאָך מיט אַזאַ האַרציקן געזאַנג? ווען איר רופט איצט אַהער אַלע גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזי־קערס, וועלן זיי ניט זיין אימשטאַנד צו שאַפן אַזאַ מוזיק...

עס הייבט אָן ווערן פריילעכער און באַוועגלעכער אויף די גאַסן, הגם דער הימל איז היינט אַ ביסל פאַרכמאַרעט. אַ וואָלקן לאָזט ניט אַריין די זון אין שטאָט. ר' שכנא פון די הערינג איז אַ ייִד אַ למדן, אַ שטאַרק פרומער. ער קומט עפענען זיין קראָם פון הערינג. תמיד אַ שטילער, נאָר אַ בייזער. ער קוקט ניט צו קיינעם, ברוגז מיט אַלעמען, בייז אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט נאָך קיין שמייכל ניט געגעבן. אַז אַ פרוי קומט קויפן אַ הערינג, זאָגט ער איר: „נעמט אייך אַליין". ער האָט ליב צו זען, ווי די פרוי פאַרפּעצט זיך אירע הענט אין דעם פאַס. אַז זי געפינט שוין אַ הערינג, זאָגט ער: „ניין, דעם הערינג לאָזט ליגן, דאָס איז פאַר מיר. נעמט אייך אַ צווייטן". די פרוי באַצאָלט אים פאַרן הערינג, נאָר ווען זי איז שוין אין דרויסן, זאָגט זי צו אים: „ס'איז דען אַ וווּנדער וואָס ר' שכנא איז שטענדיק בייז, אַז ער האָט מער קינדער ווי פרנסה".

✶ ✶ ✶

אהרון שמאָראַק און בערל פעלד (מיטן צונאָמען בערל קלאָץ) איילן זיך צו עפענען מיט די לאַנגע שליסלען זייערע שניט־געשעפטן. בערל פעלד זאָגט צו אהרונ'ען:

— ווען דאָס ביסל ייִדעלעך זאָלן אונדז אָפּגעבן וואָס מיר האָבן זיי אָנגעבאָרגט, וואָלטן מיר רייך געוואָרן. — זאָגט אים אהרון שמאָראַק:

— זאָרג זיך ניט, בערל. עס גייט צו יום־טוב און ייִדן וועלן אָנהייבן אַרבעטן, וועלן זיי אָפּגעבן אַלע חובות, כדי קענען ווייטער באָרגן. אַזוי זעט אויס אונדזער ייִדיש לעבן.

אָט זעט מען ר' יאָסלען, וואָס קומט עפענען זיין סאָדע־וואַסער געוועלב. קוים וואָס ער באַוועגט זיך, גלייך ער וואָלט אויף זיך געטראָגן די שווערסטע מאַסע. ווען אַ ייִד פרעגט אים:

— וואָס גייט איר אַזוי שווער, ר' יאָסל, איר טראָגט דאָך אויף זיך גאָרנישט?

זאָגט ער: — איר זעט נישט ווי איך טראָג. איך האָב אַ טאָכטער אויסצוגעבן. איך האָב פֿאַר איר אַלץ, נאָר צוויי זאַכן פעלן מיר: אַ נדן און אַ חתן. און מען דאַרף אויך באַצאָלן דירה געלט, אַ חוץ פרנסה פאַר ווייב און קינדער. מען דאַרף אויך אָפּגעבן אַ חוב. און אַז מען טראָגט אויף זיך אַזאַ פעקל, איז ניט גרינג צו גיין...

עס הייבט זיך אָן אַ באַוועגונג פון קינדער און יוגנט. זיי איילן אין די חדרים, תלמוד־תורה, פאַרשידענע שולן און לערן־אַנשטאַלטן. צוויי ייִנגלעך גייען און רימען זיך איינער פאַרן אַנדערן: „דו ווייסט, איך לערן שוין גמרא". און דער צווייטער ענטפערט: „איך לערן שוין תוספות. מיין מאַמע האָט מיר היינט געגעבן אַ צווייער, איך זאָל ביי לאה פלאָץ (אַזוי איז געווען איר צונאָמען) מיר קויפן אַ גרויס פּלעצל, מיט מאָן און ציבעלעס...

(המשך — אין נאָענטסטן נומער)

# דער אַלטער יידישער בית-עולם אין לובלין

מיר האָבן נישט קיין גענויע מקורותדיקע אָנגאַבן כּדי רעכט צו באַשטימען די דאַטע ווען די יידן זענען אָנגעקומען קיין לובלין. לויט אייניקע היסטאָריקער האָבן זיך יידן באַזעצט אין לובלין נאָך דעם, ווען זי האָט באַקומען שטאָט-רעכט (אין 1317). אין 15-טן יאָרהונדערט, נעמלעך אין זיין צווייטער העלפט באַווייַזן זיך די ערשטע שריפטלעכע נאָטיצן וועגן יידן אין לובלין. אין דער ערשטער העלפט פון 16-טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין צו טאָן מיט אַ שטאַרקן אויפבלי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלין. אין 1500 וווינען שוין אויף דער אזוי גערופענער "פּאָדזאַמטשע" אַרום 840 יידן.

דאָס איבערגעבן דריי פּלעצער דער יידישער קהילה אין לובלין דורך דעם לובלינער סטאַראָסטע סטאַניסלאַוו טענטשינסקי, האָט באַשטעטיקט דער פּוילישער קעניג זיגמונט אויגוסט (1555). איינע פון די דאָזיקע פּלעצער, דער א״ג "גראָדזשיסקאָ", וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער הויכקייט ביים שלאָס און טייכל טשעכוווקאַ, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן יידישן בית-עלמין.
ס׳איז אָבער אונדז באַקאַנט, אַז שוין אין יאָר 1540 האָבן די יידן אויף דעם דאָזיקן בערגל געהאַט געבראַכט זייערע מתים צו קבר ישראל. פון דער צווייטער העלפט פון 16-טן יאָרהונדערט ביז צו דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָר הונדערט (1868?) זענען שוין גאַנצע דורות לובלינער יידן באַגראָבן געוואָרן אויף דעם בית-עולם, וואָס איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. צווישן די באַהאַלטענע אויף דעם דאָזיקן בית-עולם געפינען זיך רבנים, צדיקים, כלל-טוערס, דאָקטוירים א.א. די מצבות פון בית-עולם שטעלן מיט זיך פאַר אַ גאַנצע כראָנאָלאָגישע געשיכטע פון יידישן לעבן אין לובלין, אַ שטאָט וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט נאָמען "ירושלים פון פוילן" וואָס איז געווען אַ "עיר ואם בישראל".

די עלטסטע פון די איבערגעבליבענע מצבות שטאַמט פון 1541 יאָר. דאָס איז די מצבה פונעם גרויסן תלמודיסט יעקב קאָפּעלמאַן הלוי. אין דער נאָענט פון איר שטייט די מצבה פון חזן אברהם בן אושעיה, וואָס איז נפטר געוואָרן אין 1543 יאָר, אין צפון טייל פונעם בית-עולם זענען צווישן אַנדערע פאַרבליבן אויך צוויי ווערטפולע מצבות: פונעם גרינדער און ראש פון דער ישיבה הרב שלום שכנא (1558) און פון יעקב יצחק הורוויץ, וועלכן מען האָט גערופן "חוזה" (1815).

די דאָזיקע מצבות זענען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשידענע מינים שטיינער אין אַ פאָרעם פון אַ גראָדעק, אָן אָרנאַמענטן. די העברעישע פאַרטיפטע אויפשריפטן זענען דייטלעכע. אין דער שפּעטערדיקער תקופה באַווייזן זיך טראַדיציאָנעלע מצבות, וועלכע זענען פאַרענדיקט האַלבקרייזלעך אָדער דרייעקיק. זיי באַזיצן אָריגינעלע עפּיטאַפּיעס. זייער קרוין? אין די ראַמען פון דער פּליטע זענען באַפּוצט מיט סימבאָלישע סקולפּטור-בילדער ווי למשל: אויסגעשטרעקטע צום בענטשן כהנישע הענט, מנורות, צדקה פּושקעס, מגן דוד׳ס, קריגן און שיסלען, לייבן, הירשן, שלאַנגען און אַנד.

פון העכער 80 מצבות פאַרמאָגן 40 פון זיי דייטלעכע אויפשריפטן. עס זענען אויך פאַראַן עטלעכע מצבות אין אַ גוטן צושטאַנד, אָבער מיט נישט קיין לייענבאַרע אויפשריפטן. פון העכער 40 צעשעדיקטע פראַגמענטן פון די מצבות זענען, ליידער, אוממעגלעך צו אידענטיפיצירן. פיל ווערטפולע מצבות זענען חרוב געוואָרן.

דער בית-עולם פאַרנעמט נישט קיין רעגולערן שטח. (אַרום 1,66 העקטאַר). ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אין וועלכער עס געפינען זיך צוויי אַריינגאַנגען: אין 1968 איז ער פאַרשריבן געוואָרן אין דער רשימה פון די לובלינער ווערטפולע אַלטע קולטור דענקמאָלן. אין 1986 יאָר האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען אין אָרדענונג דעם רואינירטן בית-עולם. די אַרבעט האָט מען פאַרענדיקט אין יאָר 1987, צו דער 45-טער יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ.



Podzamcze un 1914

# לובלינער קוריאָזן

**אברהם בינשטאָק**

**<u>הייסע באָבאלעך און קוואס-עפעלעך...</u>**

געווען אין לובלין, ספעציעל אין דער ייִדישער געגנט - נישט ווייניק ארעמע שטיבן ווו קיין איבעריקער גראשן איז נישט געווען. מ׳האַט געקויפט נאָר דאָס נויטיקסטע צום עסן.

א געוויסן פארנאכט שיקט די מאמע איר 5-יעריק מיידעלע, עפעס קויפן צום אוונט-ברויט. געגעבן איר געלט און אנגעזאגט דעם קינד, זי זאַל נישט פארלירן דעם רעשט וואַס זי דארף באקומען.

דאס מיידעלע קומט אהיים מיט פארוויינטע אייגעלעך. - וואַס איז געשען מיין קינד? - פרעגט די מאמע פארוווּנדערט, - האַסט זיכער פארלוירן דעם רעשט.

- נייו, - ענטפערט דאַס קינד מיט א ממזריש-פאלשן געוויין. - גייענדיק אהיים - דערציילט זי, - אדורכגייענדיק די "גראדזקער בראם" (דארט האַבן ווייבער פארקויפט הייסע באָבאלעך און קוואס עפעלעך) האַט מיר א ייִדענע פארשטעלט דעם וועג, נישט געלאזט אדורכגיין און איך האַב געמוזט קויפן קוואס-עפעלעך...

- און ווו האַסטו די קוואס-עפעלעך? - פרעגט די מאמע.

- איך האַב זיך נישט געקענט איינהאלטן - ענטפערט פארשעמט דאַס מיידעלע - און זיי אויפגעגעסן.

און דאַ האט זיך שוין אַפגערופן דאַס הארץ פון א יידישער מאמע און זי האַט א זאַג געטאַן: א כוח דיר מיין קינד, ס׳זאַל דיר זיין צום געזונט!...

**<u>פארוויילונגס-אוונטן.</u>**

דער לאַקאל איז נישט געווען קיין גרויסער. אין די אַוונטן ווען מ׳פלעגט שפילן און טאנצן האַט מען אריינגעלאַזט נאַר צוקונפטיסטן.

צו א געוויסן פארוויילונגס-אַוונט זענען צוגעקומען עטלעכע אזוי גערופענע "גוטע ברידער" בראש מיט א "שטארקן" (כ׳וויל נישט אַנרופן זיין נאַמען) און געפרוווּט אריינגיין אויף כוח.

די ארדנער ביי דער טיר פארשטעלן זיי דעם וועג, אויפקלערנדיק, אז דער אַוונט איז נאַר פאר צוקונפטיסטן. וואַס טוען די כוח-גייער? זיי נעמען אראַפּ די טיר און גייען אוועק.

וואַס טוט מען מיט דער צרה? דער באלעבאַס פון הויז האַט אזוי אויך קאַנפליקטן מיטן צוקונפט-קאַמיטעט, ווייל זיי צאַלן נישט רעגולער דירה-געלט. און דאַ, ווער וועט באצאַלן פאר מאכן א טיר?

קורץ, דער ענין איז שנעל דערגאנגען צום חבר לייבל לערער. ער איז געווען סעקרעטאר פון א פראַפעסיאַנעלן פאריין און א מיטגליד אין קאַמיטעט פון "בונד" און די "צוקונפט"-אַרגאניזאציע איז אים געווען נאַענט צום הארצן.

חבר לערער האַט געשיקט א שליח צו די "גוטע ברידער" און באפוילן, אז שוין זאַל די טיר שטיין אויפן אַרט.

די השפעה פון לייבל לערער איז נישט געווען קיין קליינע. ער איז געווען גוט באקאנט פון דערליידיקן סכסוכים...

דעם זעלבן אַוונט איז די טיר צוריק געשטאנען אויפן ארט. זיי האַבן זיך אנטשולדיקט, אז זיי האַבן נישט געוווּסט אז דער אַוונט איז נאַר פאר צוקונפטיסטן.

**<u>דעם טאטן נישט געבליבן קיין עסן...</u>**

אויך אומגליקן פלעגן געשען אין יידישע היימען. די מאמע האַט נישט לאנג געקרענקט און שנעל געשטאַרבן. ווייבער האַבן געזאַגט, אז זי האַט געהאט מזל און נישט לאנג זיך געמוטשעט... אַבער די פאריתומטע משפחה האַט דאַס זייער שווער געטראַפן.

דער טאטע, ווי געוויינלעך, האַט געמוזט גיין ארבעטן און זאַרגן פאר פרנסה. אין דער שטוב - קינדערלעך, וועלכע מען דארף שענקען ליבע און אויפמערקזאמקייט - ווער וועט פאר זיי זאַרגן?

די עלטערע פון די מיידלעך איז געווען אין שול עלטער. אויף איר טאקע איז געפאלן די גאנצע לאסט זאַרגן פאר דער שטוב. צוגעהיטן, די קינדערלעך זאַלן גיין ריין אַנגעטאַן, די שטוב צוגערוימט און אלייִן אין שול פאַרזעצן די לערע.

אויפן וועג אהיים פון דער שול האַט זי געמוזט עפעס איינקויפן צום עסן. ס׳איז פאר א יונג מיידל נישט געווען לייכט.

אהיימקומענדיק, האַט זי געמוזט שנעל עפעס אָפקאָכן פאר די קינדערלעך און אויך פארן טאטן - ווען ער וועט קומען פון דער ארבעט, זאַל ער האַבן א ווארעם מאַלצייט.

מאכט זיך איינמאַל, דער טאטע קומט פון דער ארבעט, די קינדערלעך זיצן שוין ביים טיש הונגעריקע און ווארטן אויפן עסן. (קיין צופיל זאטע שטוב איז דאַרט נישט געווען). די נישט דערפארענע "באלעבאָסטע" גרייט דעם טיש, שטעלט ארויף שיסעלעך מיט לעפל און הויבט אַן אויסטיילן עסן. זי האַט זיך נישט געהאלטן ביי דער טראדיציע פון דער פארשטאַרבענער מאמע, וועלכע פלעגט דאַס ערשטע שיסעלע עסן געבן דעם טאטן, דערנאַך די קינדערעלעך. אַנגעפילט די שיסעלעך פון די קינדער. ביז ס׳איז צוגעקומען צום טאטן איז שוין דער טאָפּ געווען ליידיק. שלעכט אויסגערעכנט...

די טאַכטער, באמערקנדיק דעם פעלער וואַס זי האַט געמאכט, האַט געפרוווּט אראַפּנעמען פון יעדן שיסעלע א ביסל עסן אַבער דאן האַבן די קינדערלעך

←

ווי אין א פארמעסט, שנעל געטומען שלינגען און אין אויגנבליק זענען די שיסעלעך געבליבן ליידיק. דעם טאטן איז נישט געבליבן קיין עסן...

**דייטשישע פילמען אין "אפאללאָ"**

(נישט קיין קוריאַז)

געווען אין שטאָט א קינא "אפאָלאָ". אין א צייט פון אנטיסעמיטישן אויפשטייג אין פוילן און אויך אין לובלין - פיל פון אונדז געדענקען די פיקעטן ביי יידישע געשעפטן מיטן לאָזונג "קויף נישט ביי יידן" און אנדערע כוליגאַנישע אויסברוכן, האָט דער אייגנטימער פון קינאָ געפילט, אז דייטשישע פילמען האָבן גרויס דערפאָלג ביי דער פוילישער באפעלקערונג און סיסטעמטיש, יעדע וואָך געוויזן דייטשע פילמען.

מיהאָט אַרגאַניזירט א גרופע צוקונפטיסטן, מיט שטיינער אין די הענט צו מאכן דעם חשבון מיטן קינאָ.

אין אָוונט זענען די רעקלאַמע פאָטאָסן געווען אין די באלויכטענע גלעזערנע גאבלאָטקעס - האָבן די יינגע חברה שטיל זיך דערנענטערט און אויסגעהאַקט די שויבן אין די גאבלאָטקעס. ס'איז געוואָרן פינצטער ווייל אויך די לאָמפן זענען צעבראָכן געוואָרן.

דער באלעבאָס פון "אפאָלאָ" האָט גערופן פאָליציי. זיי האָבן פארהאלטן אין גאס עטלעכע בחורים. גלייך זענען אָנגעקומען אין דער פאָליציי אויף דער גרינער גאס באקאנטע, אָנגעזעענע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און "איבערצייגט", אז דאָס זענען בכלל נישט די יינגלעך וועלכע האָבן דעמאָלירט די גאבלאָטקעס. מען האָט די בחורים פריי געלאָזט.

נאָך דעם פאל האָט מען אין "אפאָללאָ" מער נישט דעמאָנסטרירט קיין דייטשע פילמען.






"רחוב היהודים" ("יידן-גאס", שירוקה)

# "מישל זשידאָווסקאַ"

(וועכנטלעכע יידישע צייטונג אין דער פוילישער שפראַך)

אין דער צייט פון ערשטן וועלט-קריג, אין די יאָרן 1916-1918, אין דער צייט פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע איז דערשינען אין לובלין אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג אין דער פוילישער שפראַך אונטערן נאָמען "מישל זשידאָווסקאַ" ("דער יידישער געדאַנק"), אַרויסגעגעבן דורך דער דעמאָלטיקער יידישער דיפלאָמירטער אינטעליגענץ.

די צייטונג האָט געהאַט דעם ציל צו קעמפן פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן.

דער צייטונג איז אויסגעקומעו צו פירן אַ שווערע פּאָלעמיק מיט די 2 דעמאָלטדיקע, טעגלעכע, פוילישע צייטונגען "גלאָס לובעלסקי", דער אָרגאַן פון די ענדעקעס און "זשעמיאַ לובעלסקאַ", דער אַרגאַן פון די דעמאָלטיקע "אַקטיוויסטן".

אין אָנהייב איז דער זשורנאַל דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון פעאיקן זשורנאַליסט, לודוויק רעכטשאַפט. די רעדאַקציע האָט זיך געפונען אויף ראַדזיווילאָווסקאַ 3, שפּעטער האָט זיך געבילדעט אַ רעדאַקציע-קאָלעגיע אין באַשטאַנד פון רעכטשאַפט, מ. שיינברון, דעם באַגאַבטן פובליציסט, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען "מיקאָלאַי וואַדיאַס", מיטאַרבעטער אין די יידיש-פוילישע צייטונגען אין וואַרשע, קראַקע, לעמבערג און שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון דער יידיש-פוילישער טאָג-צייטונג "נאָווי דזשיענניק" אין קראָקע, און פונעם דעמאָלט יונגן זשורנאַליסט י. קערשמאַן, דער שפּעטער באַקאַנטער אַדוואָקאַט קערשמאַן. צו די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג האָבן געהערט די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער: דער לאַנגיאָריקער קהילה- פּאַרזיצער אַדוואָקאַט ב. וואַרמאַן, ד"ר מ. זיידענמאַן, אַדוואָקאַט גאָלדבערג און י. ל. שפּער.

**א.צ. מייזעלס**

# די ליקווידאַציע פון יתומים־הויז אין לובלין

**פון דער דאָקומענטן־זאַמלונג : „קינדער־מאַרטיראָלאָגיע״, צונויפגעשטעלט פון נ. גריס *)**

די דייטשן האָבן זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זיי באַגייען פאַרברעכנס און דעריבער פאַרזיכטיק מאַסקירט זייערע מעשים.

די ציווילע באַפעלקערונג האָט זיך אָריענטירט אין דער וויכטיקייט פון דעם, וואָס זיי זעען און ריזיקירנדיק טיילמאָל מיטן לעבן, אָבסערווירט, פאָטאָגראַפירט, נאָטירט, כדי עדות זאָגן, ווען ס'וועט קומען די צייט. אַדאַנק די דאָזיקע מענטשן זענען מיר ביכולת צו רעקאָנסטרויִרן געוויסע בלעטלעך פון אונדזער גרויליקער געשיכטע.

די מיטאַרבעטערין פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לובלין, ב. לעווין, האָט באַזוכט דעם עדות מוליאַק און אויך געפירט שמועסן מיט אַנדערע שכנים און אויפן סמך פון דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, זיך איבערצייגט, אַז מוליאַקס דערציילונג איז אַ ריכטיקע. אגב, אַ באַשטעטיקונג דערויף געפינען מיר אויך אין אַ צווייטן פּראָטאָקאָל פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וווּ ס'ווערט איבערגעגעבן אַ דערציילונג פון דעם יידישן מיליציאַנט מושקאַטענבליט, אַז מען האָט קינדער באַגראָבן לעבעדיקערהייט און לייכט פאַרשאָטן מיט ערד און „פון וויטן האָט מען געזען ווי הענטלעך באַוועגן זיך״.

### די דערציילונג פון מוליאַק

אויף דעם וואַרשעווער שליאַך, אין הויז נומער 122 פון דערפל טאַטארי, וווינט אַן אַלטער מענטש, וואָס פירט אַ רואיק לעבן אויף זיין שטיקל באַלעבאַטישקייט צוזאַמען מיט זיין משפחה. דער דאָזיקער פויער, קאַראָל מוליאַק, האָט דורך די שפּאַרונעס פון זיין שייער געהאַט אַ ברייטן אויסבליק אויף די אַרומיקע פעלדער. פון דאַנען האָט ער געזען זאַכן, וואָס מ'האָט געוואָלט פאַרהוילן פאַר מענטשלעכע אויגן — ער האָט געזען מאַסן־מאָרדן איבער קינדער, איבער עופּהלעך. ער דערציילט :

פרילינג 1942. כ'געדענק, אַז די ערד איז נאָך געווען געפרוירן. אין אַ געוויסן שבת האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַרעסטאַנטן צו גראָבן גריבער. ס'איז געווען אויפן פעלד פון מאַראַווסקין, אַ 50—100 מעטער פון מיר. דעם גאַנצן שבת און אַ האַלבן זונטיק האָט מען געגראָבן אָן אָפּרו, מאַטערנדיק זיך ביים אָננעמען די געפרוירענע ערד.

נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן און דער שמירה פון „זיכערהייט־דינסט״ (ס״ד), פלעג איך פון מיין שייער אָבסערווירן די סודותדיקע צוגרייטונגען. דער גרוב איז געווען פינף מעטער די לענג און ביז צוויי מעטער די טיף. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט זענען די אַרעסטאַנטן אַוועקגעגאַנגען.

אַ טויטע שטילקייט האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער די פעלדער. אין דער לופט האָט זיך געשפירט אַן אָנקום פון עפּעס שרעקלעכעס, דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט גרויע וואָלקנס.

כ'האָב געוואַרט.

אַרום 2 דעם זייגער קומט צו לויפן מיין טאָכטער און דערציילט מיר, אַז די באַוועגונג אויפן שאָסיי איז אָפּגעשטעלט סיי פאַר פוסגייער, סיי פאַר פורן. אפילו מיליטערישע אויטאָס לאָזט מען נישט דורך. עס דרייען זיך אַרום געשטאַפּאָ־לייט אין הויכע היטלען, שילטן און שיסן, כדי אָפּצושרעקן די נייגעריקע. זיי לאָזן אויך נישט צו קיין דייטשע זעלנער פון ווערמאַכט, וואָס געפינען זיך אין שכנותדיקן שפּיטאָל. איינער פון דער געשטאַפּאָ געפינט זיך מיט אַ מאַשין־ביקס אויפן בערגל, כדי צו שיסן אויף די אַרבעטער פון דער גלאָז־הוטע, אויב זיי וועלן זיך צופיל אינטערעסירן מיט דעם, וואָס דאַרף דאָ פאָרקומען.

מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן ברעזענט און פאָרט אַרויף אויפן פעלד, ווו ס'איז געווען דער גרוב — אַ 100 מעטער פון שאָסיי, אויף אַ זאַמדיקן באָדן. דער וואָגן פאָרט צו מיט דעם הינטערשטן טייל צום גרוב. מ'הויבט אויף דעם ברעזענט און מ'דערזעט אַ סך קינדער, ס'רוב אין וויקעלעך. צווישן זיי געפינען זיך אויך צוויי עלטערע יידן. די אוקראַאינער לייגן אויס די קינדער אויפן זאַמדבערגל, אַ געשטאַפּאָוועץ שיסט צו זיי פון אַ מאַשין־ביקס. דערנאָך וואַרפט זיי איין ייד אַריין אין גרוב און דער צווייטער שטייט אונטן און לייגט זיי אויס, אַלץ אין די וויקעלעך, צאַפּלענדיק, איינס איבער איינס אַזוי, זיי זאָלן פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט.

ביידע יידן האָבן הענט איינגעריכט אין בלוט, בלאַנקען זיך אַרום אויפן פעלד, ווי נישט פון דער וועלט, און אַ צווייטער געשטאַפּאָוועץ באַשיט די קינדער מיט אַ האָגל פון קוילן, וועלנדיק דערשטיקן די אימהדיקע קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון די נישט דערשאָסענע עופּהלעך. די קרעכצן ווערן שטילער, אָבער הערן נישט אויף אין גאַנצן, גלייך די ערד וואָלט אַליין אויפגעציטערט פון די קרעכצן.

די שוידערלעכע אַרבעט איז פאַרענדיקט. דער גרוב ווערט נישט פאַרשאָטן; מ'וואַרט אויף ווייטערע טראַנספּאָרטן.

ס'דויערט נישט מער ווי אַ שעה און ס'קומט אָן אַ גרופּע עלטערע קינדער. זיי גייען צום טויט צו פיר אין אַ רייע, האַלטנדיק זיך פאַר די הענטלעך. זיי בלייבן שטיין פאַרן גרוב. דער דייטש שיסט פון אַ רעוואָלווער. די גופימלעך פאַלן אַריין אין גרוב און ס'חזרט זיך איבער די זעלבע פּראָצעדור וואָס פריער...

---

*) „קינדער־מאַרטיראָלאָגיע״, דאָקומענטן־זאַמלונג, צונויפגעשטעלט דורך נ. גריס. בוענאָס־איירעס 1947, ז״ז 75 — 77.

# לובלינער געשטאַלטן • דמויות מלובלין

מיר ברענגען פאַר אונדזערע לייענערס קורצע שילדערונגען פון דריי יידישע פּערזענלעכקייטן, געבוירענע אין לובלין, וואָס יעדער איינער פון זיי, האָט אויף זיין געביט געגעבן א זייער וויכטיקן ביישטייער צום יידישן לעבן: **יצחק שדה** אין ארץ ישראל, **העניריק ערליך** אין פּוילן, **יעקב גלאַטשטיין** אין אמעריקע



אלוף יצחק שדה (לנדסברג)

וועמענס נאָמען וועט בלייבן אויף שטענדיק פאַרבונדן מיטן באַפרייאונג-קאַמף פון מדינת ישראל, איז געבוירן אין לובלין דעם 19-טן אויגוסט 1890. ער שטאמט פון דער פאמיליע לאנדבערג, און איז אן אייניקל פון רבי שניאור זלמן - דעם עילוי פון לאדי, רב פון דער לובלינער קהילה.

אַלס קינד האָט ער צוערשט געלערנט אין אַ חדר, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ שילער פון באַרימטן שרייבער הלל צייטלין, שפעטער איז ער אַריינגעטרעטן אין אַ גימנאַזיע אין דעמאָלטיקן פעטערסבורג (לענינגראַד).

אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט ער געדינט אין צארישן מיליטער, געוואָרן פארוווּנדעט און אויסגעצייכנט מיט א מעדאל. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי און געקעמפט אויף פארשידענע פראָנטן. שפעטער שטודירט אין קרים אויפן פאקולטעט פון ביאָלאָגיע און אויך זיך פארנומען מיט ספאָרט אין "מכבי".

אין קרים האָט שדה זיך געטראָפן מיט א יידישן אָפיציר - יוסף טרומפעלדאָר, זיי האָבן צוזאמען געארבעט אין דער ציוניסטישער באוועגונג - שפעטער האָט אים טרומפעלדאָר איבערגעגעבן די אַנפירונג פון דער ארגאניזאציע "החלוץ".

יצחק שדה איז געווען איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון "החלוץ". קורץ נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז ער געקומען קיין ארץ-ישראל. ער איז געוואָרן איינער פון די שאַפער פון "גדוד העבודה", וועלכער האָט אויסגעפירט אַ ריי שווערע חלוצישע אַרבעטן, באַזונדערס ביים אויסטרוקענען און קאָלאָניזירן דעם עמק. אין יאר 1936 איז יצחק שדה איינער פון די אָנפירער פון דער "הגנה". ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה שאַפט ער דעם פלמ"ח און ווערט איינער פון זיינע קאָמאַנדירן. אין באַפרייאונג-קריג פירט ער אַן מיט אַ מיליטער-גרופּע, וועלכע האָט באַפרייט משמר העמק. ווען די "הגנה" ווערט פאַרוואַנדלט אין צבא הגנה לישראל, ווערט שדה אלוף (קאָלאָנעל) און מפקד פון דער חטיבה פון די פאַנצער-טרופּן.

יצחק שדה האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי איינער פון די פּעאיקסטע און בעסטע מיליטער-לייט פון דער יונגער ישראלדיקער אַרמיי, אָבער זיין מיליטערישע קאַריערע האָט נישט לאַנג געדויערט. ווען די רעגירונג פון בן-גוריון האָט פונאַנדערגעלאָזט דעם פלמ"ח, האָט יצחק שדה פאַרלאָזט די אַרמיי. ער האָט זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אַרבעט. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער מפ"ם-ליסטע אַלס ראַטמאַן אין תל-אביבער שטאָטראַט און איז געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג "על המשמר" און איינער פון די אַקטיוויסטע טוערס פון דער ישראלדיקער שלום-באַוועגונג (תנועה למען השלום) און פון דער ליגע פאַר פריינטשאַפט מיט פסס"ר. דער טויט האָט איבערגעריסן אין דער מיט זיין ברויזנדיקע, שאַפערישע טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר און איז באערדיקט געווארן אין קיבוץ "גבעת ברנר". צו זיין רו האבן אים באגלייט טויזנטער מענטשן, צווישן זיי פיל חברים פון דער באוועגונג און קאמפס-חברים.

**יצחק שדה** איז געווען באקאנט אלס איינער פון די וויכטיקסטע פערזאָנען אין דער געשיכטע פון לאנד. ער האָט אויסגעבילדעט א דור קעמפער און אפיצירן פון הגנה, פלמ"ח און צה"ל. ער האָט איינגעפירט דעם באגריף "ריינקייט פון געווער". ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן: "דו דאָלסט ליב האָבן די ביקס און האסן די קריג".

# הענריק ערליך



אין דער אַלטער שטאָט לובלין, מיט איר אַמאָליקן קעניגלעכן שלאָס, וואָס דער פּראַוואָסלאַוונער רוסישער צאַר האָט באַנוצט ווי אַ טורמע פֿאַר פּאָליטישע פֿאַרברעכער; מיט איר אַלטן יידישן בית-עולם, וואו עס רוען שוין יאָרהונדערטער באַרימטע איבער גאַנץ פּוילן, ליטע און רוסלאַנד רבנים און צדיקים, וואו ס'זיינען נאָך געשטאַנען די פּאָרצייטיקע "ברומען" - פֿאַריידישט פון פּוילישן וואָרט "בראַמי" - טויערן, וואָס האָבן אַמאָל אַריינגעלאָזן די יידן איבערצונעכטיקן אין געטאָ און זיי אין דער פרי צוריק אַרויסגעלאָזן אין שטאָט אַריין, - אין דער דאָזיקער שטאָט מיט דער ספּעציפישער אייגנאַרטיקער אַטמאָספער פון צוויי קולטורן, צוויי באַזונדערע לעבנס-שטייגערס, - איז געבוירן געוואָרן אַ יידיש ייִנגל - הערש וואָלף, וואָס איז אויסגעוואַקסן ווי דער פירער פון "בונד" הענריק ערליך - אַ פירנדיקע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַ רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט אין איידלסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, אַ שטאָלצער, אומבויגזאַמער קעמפער און מאַרטירער.

דער גענויער טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן און נישט די גענויע דאַטע ווען ער איז אויפן באַפעל פון סטאַלינען דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 1941 אין סאָוויעט-רוסלאַנד - זיינען אונז נישט באַקאַנט. דער 13טער אַפּריל 1882, - די דאָזיקע דאַטע האָט פיגורירט אין הענריק ערליכס אָפיציעלע פּאַפּירן.

הערש וואָלף ערליך איז געווען אַ קינד פון פאַרמעגלעכע חסידישע עלטערן.

זיין פאָטער, משה ערליך, איז געווען אַ ראַדאָמער. ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורט-שטאָט, כדי זיך צו באַזעצן אין לובלין, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט שיינדל בלעכמאַן, אַ טאָכטער פון אַן אַלטער, יחוסדיקער לובלינער משפחה.

הערש וואָלף איז געווען דאָס דריטע קינד אין דער משפחה. די ערשטע צוויי זיינען געווען טעכטער.

די ערליכס האָבן געוואוינט אין לובלין אויף דעם אומעטיקן סקווער, ווו עס איז געשטאַנען דער קאַטוילישער קלויסטער פון די יעזואיטן און איינער פון די "ברומען" - דער טויער צו די שמאָלע יידישע געסלעך פון אַמאָליקן געטאָ; דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די קרולעווסקע - די "קעניגלעכע" גאַס, וועלכע האָט געפירט צו דעם מאָדערנעם פּוילישן לובלין.

דער פאָטער משה ערליך האָט שטרענג געזאָרגט, אַז זיין זון זאָל באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג און בילדונג. ווי נאָר הערש וואָלף איז אַ ביסל עלטער געוואָרן האָט אים דער פאָטער אַוועקגעפירט אין חדר אַריין; דאָרטן האָט ער זיך געלערנט אַ קורצע צייט, שפּעטער האָט דער פאָטער פאַר אים געהאַלטן אַ ספּעציעלן מלמד אין דער היים; יענער מיט אים פּלייסיק קנעלן און שפּעטער האָט ער אים אויך צוגעגרייט צו דער בר-מצווה. יעדן שבת און אין די יום-טובים פלעגט אים דער פאָטער מיטנעמען אין שטיבל אַריין דאַוונען.

הערש וואָלף האָט געטראָגן אַ לאַנגע, חסידישע קאַפּאָטע, און לאַנגע פּאות ווי אַלע זיינע חברים אין חדר און אין שטיבל. בלויז דער הויכער שטערן און די אומגעוויינלעך רואיקע און קלוגע אויגן פונם ייִנגל האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער משפּחה און פון די געסט, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט צו דער גבירישער בר-מצווה-סעודה. הערש וואָלף האָט געהאַלטן זיין בר-מצווה-דרשה. אין אַ געוויסן זין איז די דאָזיקע דרשה געווען די ערשטע עפנטל עכע רעדע פון דעם צוקונפטיקן גלענצנדיקן רעדנער. הינטער די פּלייצעס פון איר מאַן, האָט די מוטער דורכגעפירט, אַז זייער זון זאָל זיך לערנען פּויליש, רוסיש און אַנדערע אַלגעמיינע לימודים. אירע צוויי טעכטער, שילערינס פון דער אָרטיקער גימנאַזיע, זיינען געווען באַגייסטערט פאַר דעם "רעוואָלוציאָנערן פּלאַן" צו בילדן זייער יונגן ברודער. צו זיי האָט אַפּעלירט סיי דער ענין גופא און סיי דער עלעמענט פון רעוואָלט קעגן דעם ווילן פון אַן איינגעעקשנטן פאָטער.

דער קריזיס איז געקומען אין 1896. הערש ערליך איז דאַן אַלט געווען 14 יאָר און נאָך אַלץ געטראָגן זיין לאַנגע חסידישע קאַפּאָטע. זיין שוועסטער גיטל איז נאָך מער ווי פריער געווען באַזאָרגט מיט דער וועלטלעכער אויסבילדונג פון איר ברודער און האָט ביי איר מאַן, סלאָבאָדקין, געפונען פאַרשטענדעניש און הילף. זיי האָבן ביידע מסכים געווען, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, אַז הערש-וואָלפס נישט געוויינלעכע פעאיקייטן זאָלן גיין לאיבוד.

במשך פון איינעם אַזאַ שמועס, איז צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן דער געוואַגטער פּלאַן: אפשר זאָל הענריק ווערן אַ שילער אין דער לובלינער רוסישער גימנאַזיע? זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט קריגן דעם הסכם פון פאָטער פאַר אַזאַ זאַך. ביסלעכווייז אָבער האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק און אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פּרטים פון דער "פאַרשווערונג". דער חסידישער בחור הערש וואָלף האָט געדאַפּט יעדן אינדערפרי קומען צו זיין שוועסטער גיטל סלאָבאָדקין, דאָרט אַראָפּוואַרפן פון זיך די טראַדיציאָנעלע יידישע מלבושים און זיך אָנטאָן אין אוניפאָרם פון אַ גימנאַזיסט. נאָך דער גימנאַזיע, וועט ער אויפן וועג אַהיים זיך ווידער אָפּשטעלן ביי זיין שוועסטער און צוריק ווערן אַ חסידישער בחור. הענריק אַליין איז ווייט נישט געווען באַגייסטערט פון דער גאַנצער קאָנספּיראַציע. דער געדאַנק וועגן אויסבאַהאַלטן זיך, וועגן דעם פּורים-שפּיל מיטן

(סוף אויף ז' 25)

יעקב גלאַטשטיין

ניו־יאָרק


# נישט די מתים לויבן גאָט



דער דיכטער יעקב גלאַט־שטיין האָט אונז אַריינגעשיקט צוויי פון זיינע לידער געווידמעט דעם חורבן פון יידישן לובלין.

איין ליד פאַרעפנטלעכן מיר אין ערשטן נומער פון דער „לובלינער שטימע". דאָס אַנדערע וועלן מיר אָפּדרוקן אין צווייטן נומער, וואָס וועט דערשיינען אין די נאָענטסטע מאָנאַטן.

**רעדאַקציע**

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אזוי וואָר זיינען מיר אלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוווּנדערן
אין אזא פאָרכטיק מעשהלע.
כ׳וועל פאַר אים אויסשטערנען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אזוי:
ס׳יידישע פאָלק איז א פייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

ס׳גאנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים בארג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך נישט געבאָרענע.
אלע יידישע נשמות האָבן אָפּגעענטפערט:
מיר וועלן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידישע יינגעלע פון אלע דורות,
ביזט אויך ביים בארג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע־מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה.
ס׳איז געווען שבועות — יום טוב פון גרינס.
האָסט ווי א זינג־פויגל מיטגעזונגען:
כ׳וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

יידיש יינגעלע, אָנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ׳האָט דיך אויסגעהאָפּט און אויסגעבעטן,
אלעמאָל ווען מיר זענען געווען, ביזטו אויך געווען.
און ווען מיר זענען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונז נישט געוואָרן.
און אזוי צוזאַמען ווי מיר זענען אלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אזוי וואָר זענען מיר אלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זענען טייערע נשמות אָנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג־געשטאָרבענע,
פארפייניקטע, אויף אלע פייערן אויסגעפרווטע,
נאָך־נישט־געבאָרענע,
אלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער־זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן.
אלע וואָס זיינען ביים בארג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה,
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,
מרים און דבורה הנביאה,
זענען מיט תחינות און געזאנגען אויסגעאנגען.
משה רבינו וואָס האָט אזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך
און דער רמב"ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר"ם און מהרש"ל,
דער חוזה און אברהמעלע אייגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאנגען אין יסורים,
זענען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק יינגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זיס ווי א טויב האָסטו געשטרעקט דיין האלדז
און געזונגען מיט די אבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פארמאַך די אויגן, ליב יידיש יינגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס׳גאנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאז־קאַמערן פון לובלין.
און איבער די גאז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געררויכערט אן איינזאַמער, א פארלאָשענער סיני.
יינגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אריינגעוויינט דיין געוויין אין א טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אזוי האָסטו געוויינט:
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

teatrnn.pl

# א לובלינער חתונה אין לאָס-אנדזשעלעס

יעקב טייער

די גרויסע, שיינע און בארימטע קהילה לובלין איז, חלילה, ניט אונטערגעגאנגען.

זי עקזיסטירט נאָך אין דער ווייטער אמעריקע, אין לאָס-אנדזשעלעס. און דער בעסטער באווייז איז דאָס וואָס איך וועל דערציילן.

ווי איר ווייסט, איז ישראל אייזנבערג, דער זון פון משהלע אייזנבערג הי״ד געבליבן לעבן. ער איז אין דער שואה אדורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי גהינום - מיידאנעק, אוישוויץ, שטוטגארט - און געבליבן לעבן. אויך זיין פרוי באלטשע אייזנבערג (טייער) פון בילגאָריי, און זייער קינד דוד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ לובלין, זענען ניצול געוואָרן.

ישראל אייזנבערג מיט זיין פרוי באלטשע און זייער קינד דוד (און נאָך א מיידעלע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין שטוטגארט), זענען געפאָרן קיין אמעריקע נאָך דער מלחמה און זיך באזעצט אין לאָס-אנדזשעלעס. דודס זון מייקל (מיכאל), אויפן נאָמען פון מיכאל טייער, דער פאָטער פון באלטשע טייער, האָט אויך שטודירט און ער איז אדוואָקאט אין לאָס-אנדזשעלעס.

טראָץ דעם וואָס ישראל אייזנבערג איז פון א חסידישער משפחה, גרויסע מיוחסים, תלמידי-חכמים, האָט ער זיך אביסל דערווייטערט פון דעם לעבן, ווייל ווען ער איז געקומען קיין לאָס-אנדזשעלעס, איז ער געווען אָפּגעשוואכט אין יידישקייט. אזוי אז זיין משפחה, די קינדער און אייניקלעך, זענען געווען כמעט דערווייטערט פון די עניינים. אָבער ווייזט אויס, אז דער פונק איז געבליבן. זיין אייניקל מייקל האָט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו רבנים, און דווקא צו די אָרטאָדאָקסישע רבנים - און ער איז לאנגזאם געוואָרן א בעל תשובה: אָנגעטאָן א קאפּל מיט ציציות אין דרויסן, איבער די הויזן און געוואָרן א פּולקאָמער פרומער ייד. די רבנים, וואָס ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט, האָבן אים פאָרגעשטעלט פּאר א שיין, געראָטן מיידל, א יתומה וועלכע איז געקומען פון לאָנדאָן און אויך זיך דערנענטערט צו די רבנים, ווי אַ בעלת תשובה - און סאיז געוואָרן א שידוך צווישן די צוויי בעלי תשובה.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין לאָס-אנדזשעלעס, דעם 1טן אויגוסט 1999. ס׳איז געווען א חתונה, וואָס קיין שענערע און מער יידישע האָט אויך אין לובלין נישט געקענט זיין. אויף דער חתונה זענען געווען פיל רבנים און א סך יונגעלייט מיט זייערע פרויען אין די שייטלעך, תלמידי-חכמים, וואָס אויב זיי וואָלטן געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, וואָלטן זיי געקענט ווערן שוחטים און רבנים, אָדער סתם שיינע יידן, וואָס האָבן נישט געהאט אויף שבת... אָבער דאָ, אין לאס-אנדזשעלעס, זענען די יונגעלייט וואס זענען געווען אויף דער חתונה פון מייקל -



ישראל, מייקל, רבקהלע און באלטשע אייזענבערג

פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשיניערן, אדוואָקאטן אא״וו. אזוי, אז נישט געזאָרגט - לובלין עקזיסטירט, עס איז נאָר איין אונטערשייד: אין לובלין האָבן א טייל פון די טייערע יידן מקיים געווען די תורה אין אָרימקייַט, אָבער דאָ, אין לאָס-אנדזשעלעס, איז מען מקיים די תורה אין לוקסוס, אין רייכקייט. אָבער עס זענען די זעלבע יידן, די זעלבע תורה.

אייַנער פון די רבנים האָט געזאָגט אויף דער חתונה, אז דער זיידע ישראל אייזנבערג האָט זוכה געווען צו דעם גרויסן נחת, ווייל ער האט זיך מוסר נפש געווען צו ברענגען זיין פאָטער, משה אייזנבערג, וואָס איז נפטר געווארן אין געטאָ, צו קבר ישראל אין לובלין. דאָס איז געווען ממש א מסירת נפש, און אים קובר געווען נעבן דעם אהל פון לובלינער רב, הרב מאיר שפירא זצ״ל. ווי באקאנט, האָט ישראלס פאָטער, ר׳ משה אייזנבערג, פיל געהאָלפן ביים בויען די ישיבת חכמי לובלין, צוזאמען מיט הרב מאיר שפירא זצ״ל. אזוי אז עס איז מקיים געוואָרן דער פסוק ״הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״. אין דעם זכות האָט ישראל אייזנבערג זוכה געווען צו פירן אונטער דער חופה זיין אייניקל מייקל - א ווידערקול פון א גרויסער יידישער חתונה אין לובלין, פאָרגעקומען היי-יאָר אין לאָס-אנזשעלעס.

# מען שרייבט אונדז • כותבים לנו

צום אירגון יוצאי לובלין אין ישראל -
חשובע לאנדסלייט און פריינט,
דער קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט אין פראַנקרייך האָט מיט באַדויער אויפגענומען די מיטיילונג, אַז דער לאַנגיאָריקער פאַרזיצער, אונדזער אלעמענס חבר און פריינט דוד שטאָקפּיש האָט צוליב זיין געזונט-צושטאַנד זיך צוריקגעצויגן אַלס פאָרזיצער. מיר באַגריסן דעם נייעם פאָרזיצער אַלעקסאַנדער שריפּט.
די לובלינער געזעלשאַפט אין פּאַריז האַלט אָן איר מאָראַלישע פאַרפליכטיקונג צו פאַרגעדענקען דעם אומגעקומענעם יידישן ישוב אין אונדזער היימשטאָט לובלין און איר אומגעגנט, אָבער אויך צו פאַרגעדענקען און פאַראייביקן די לובלינער יידן וואָס האָבן געלעבט און לעבן אין פראַנקרייך. די 12 דערשאָסענע אין דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און די 225 לובלינער מיט זייערע 96 קינדער, אומגעקומען אין די דייטשישע לאַגערן. צו זייער אָנדענק האָבן מיר מיט 2 יאָר צוריק אויפגעקלאַפּט אַן אַנטשפּרעכיקן פּלאַג אין "בית הילד" אין קיבוץ לוחמי הגטאות. מיר וועלן אַזא ענלעכן אָנדענק-טאָוול אויפקלאַפּן אויף א לובלינער מצבה אין בית הקברות באַניע אין פּאַריז, ערב יום כיפור, ווען ס'איז דאָ א גרויסער עולם.
און איצט דערלויבט אונדז צו שטעלן א פראַגע:
פּאַרטרעטן אַלס פאָרזיצער, איז פאַרשטייט זיך, לייכטער, ווי דעם רעדאַקטאָר פון "קול לובלין", דוד שטאָקפּיש. דערפאַר פרעגן מיר, צי וועט דער "קול לובלין" דערשיינען? אויב דער זשורנאַל דערשיינט, זענען די לובלינער געזעלשאַפטן אין דער דיאַספּאָרא מאָראַליש פאַרפליכטעט. מיר בעטן צו ענטפערן אויף דער פראַגע.
מיט חברישע גרוסן:
פאָרזיצערין - **טעשקע פאָרשטעטער-קאָרמאַן**
וויצע-פאָרזיצער - **אַנאַטאָלי בינשטאָק**
סעקרעטאַר - **משה זאַלצמאַן**
קאַסירערין - **דינה'לע ראַטשטיין**

* * *

דעם 9 נאָוועמבער וועט די לאַנדסמאַנשאַפט, צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אָפּמערקן די 90 יאָר פון טעשקען, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען דעם 15 מאַי. מען האָט שוין "צוגעטשעפּעט" מייַן וויניקייט צו פייערן אויך מיינע ניינציק, וואָס פאַלט אויס די דאַטע. דעם 8 נאָוועמבער וועלן מיר אַדורכפירן די יזכור-פייערונג נאָך דער לובלינער קהילה.
מיר דאָ ראַנגלען זיך מיטן געזונט און מיט דער עלטער, אָבער מיר זעצן פאָר די טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.
היינט האָט אונדזער לובלינער קאַסירערין דינהלע ראַטשטיין אַרויסגעשיקט אויפן אַדרעס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין תל-אביב א טשעק אויף 4 טויזנט פראַנק.

**משה זאַלצמאַן**, פּאַריז

**טייערע,**
אונדז האָט שטאַרק באַאומרויקט, וואָס מ'האָט נישט באַקומען קיין ענטפער אויפן לעצטן בריוו אונדזערן. מיר פאַרשטייען, אַז דאָס איז אוודאי צוליב געזונטהייט סיבות. אויך ביי אונדז האָט זיך פיל געענדערט צוליב דעם. מייַן "אַנגינאַ פּעקטאָריס" האָט וואוואַנסירט און מ'האָט געמוזט איינפירן ענדערונגען. אויך ביי עוואַן איז נישט פויגלדיק. אָבער די קינדער העלפן אונדז און פון די אייניקלעך איז פאַראַן א סך נחת און פרייד.
כ'האָב געשיקט מייַן בוך ("לובלינער דערינערונגען") צו אליהו הערץ און אים געבעטן איבערשיקן דעם באַטרעף דער לאַנדסמאַנשאַפט. מיר שיקן אונדזערע גרוסן און קושן.

**עוואַ און נאַטעק אַקערמאַן**, שטאָקהאָלם

* * *

עס דערנענטערט זיך דאָס נייַע יאָר און ס'איז צייט צו געבן א צייכן: איך לעב נאָך! ליידער, בין איך אַביסל קראַנק, וואָס מאַכט דאָס לעבן שווערער. איך האָב זיך זייער געפרייט מיט דעם נייעם נומער "קול לובלין". איך האָף, אַז כ'וועל קענען עפּעס אָנשרייבן פאַרן נאָענטסטן נומער און שיקן א באַשטייערונג.
איך ווינטש אייך א גוט געזונט ניי-יאָר 1999 - און שלום פאַר ישראל.

**מענדל ווייסמאַן**, קאָפּענהאַגן

* * *

**ליבע און טייערע,**
איך פאַרשטיי, אַז מען קען נישט אייביק אַרבעטן. אויך איך ווער עלטער, נאָר איך בעט אַז מיר זאָלן נאָך לאַנגע יאָרן זיך איבערשרייבן. איך לייען דעם "קול לובלין" מיט גרויס פאַרגעניגן און איך טרויער קוקנדיק אויף דעם בילד פון מייַן פאַרשטאָרבענעם מאַן. מייַן זון העלפט מיר א סך.
ס'איז איצט ביי אונדז דאָס נייע יאָר און איך ווינטש אייך אַלעמען געזונט און נחת. איך וואַרט אויף א נייעם נומער פון אונדזער פּרעכטיקן זשורנאַל, וועלכן כ'האָב ליב צו לייענען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

**רוזשקע צווייקאַפּט-שאַבאַסזאָן**, מאָנטרעאַל

* * *

עס דערנענטערט זיך דאָס נייע יאָר, וואָס האַלוואי זאָל ער זיין פאַר אייך און פאַרן גאַנצן לאַנד א יאָר פון געזונט, פרייד און שלום, וואָס מיר ווינטשן אייך פון גאַנצן האַרצן. מיר שיקן אייך איבער פון וואַרשע די בעסטע גרוסן צו זייַן געזונט. ביי אונדז, ליידער איז נישט פריילעך, צוליב געזונטהייט-טעמים. בינעם איז נישט מיט אַלעמען און איז שוין נישט אַזוי אַקטיוו אין לובלין, ווי ביז איצט. ווען מיר, דער עלטערער דור האָבן אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר דער יידישער לובלין, זאָלן די יונגע איבערנעמען און אַרבעטן. מיר דערמאָנען אייך שטענדיק מיט פריינדשאַפט און האַרציקייט.

**קאַראָלאַ און בינעם ווייַס**, וואַרשע

## *תשובע פּאַרוואַלטונג פונעם פאַראיין פון לובלינער אין ישראל, תשובער פּאַרזיצער,*
### אינזשיניער אלכסנדר שריפט,

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו. מיר האָט ווי געטאָן וואָס מיַין חבר פון די יוגנט־יאָרן, דוד שטאָקפיש האָט געמוזט רעזיגנירן פון זיין אמט. אזוי איז דאָס לעבן. איך האָב זיך אויף דעם געריכט, ווייל כ׳האָב א לענגערע צייט נישט באקומען פון אים א בריוו. זיין געזונט־צושטאנד האָט אים געצוווּנגען ארויסלאָזן די פּאַן און שטיין, צוזאמען מיט אייך, ביי דער אָנפירונג פון די לובלינער. דעריבער וויל איך אייך באגריסן מיט אייער אָנגיין מיט דער טעטיקייט לטובת די לובלינער. איך ווינשט אייך דערפּאָלג און וועל שטיין מיט אייך אין שטענדיקן קאָנטאַקט.

דעם נומער 34 ״קול לובלין״ האָב איך אדורכגעלייענט פון ערשטן ביזן לעצטן בלעטל. געענדיקט לייענען שפּעט ביינאכט. ער איז שיין ארויסגעגעבן, דער אינהאַלט דערוועקט א סך נאָסטאַלגיע, דערמאָנונגען, אינטערעס. ווינטש איך דיר א סך געזונט און כוח ווייטער צו טאָן דאָס זעלבע - קומענדיקן יאָר.

איך גרייט זיך צו דער חתונה פון מיַין אייניקל.

אין די לעצטע יאָרן האָב איך דערהאַלטן 5 קאָפּיעס פון ״קול לובלין״ און זיי פאַרטיילט די לובלינער יידן, מיט וועלכע איך שטיי אין קאָנטאַקט. דאָסמאָל איז מיר אָנגעקומען נאָר 1 זשורנאַל. פון די פינף, איז איינער שוין אויפן עולם האמת און איינער אין א גריאַטרישן אנשטאַלט. דעריבער דאַרפט איר שיקן 3 קאָפּיעס. איז פאַראַן א מעגלעכקייַט אז דער ״קול לובלין״ זאָל ווייַטער דערשיינען? איך בין צופרידן, וואָס איר זייט ממשיך, ווי עס ווייזט דאָס אדורכפירן דעם יזכור־אַקט אין טאָג פון אומקום און גבורה. איך ווינטש אייך הצלחה.

***קאָפּל מיזשריצקי,*** בוענאָס־איירעס

* * *

טייערע לובלינער,

אייער בריוו וועגן דער ענדערונג - דערהאַלטן. אין אלע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, מוזן די גרינדערס האָבן הילף. איך ווינטש גליק דער לאַנדסמאַנשאַפט און גלויב, אז אלכסנדר שריפט וועט אריַין ברענגען נייע כוחות, און אויך אונדזער פריינד שטאָקפיש וועט ארויסהעלפן. איך אליין האָב געמוזט אויפגעבן מיַין בינע־טעטיקייט זינט איך האָב פאַרלוירן מיַין לעבנס־באַגלייטער במשך 59 יאָר. איך וועל זיך באַמיען אייך צו העלפן. איך נעם אייך הארציק ארום. איך פאַרשטיי, אז איר ווייסט מיַין לאַגע, נאָכן טויט פון יוספן. אָבער אזוי גייט דאָס לעבן.

איך אליין האָב געמוזט אויפגעבן מיַין ארבעט אין טעאַטער. עס פעלט מיר אלף אויס אין דער היים. מיַין צייט איז זייער גרויס. צופיל ליידיקע שעהן.
איך וואָלט נאָך געוואָלט זען מיינע פריינט אין ישראל... טוט מיר א טובה און וואַרט.

נאָך 43 יאָר שפּילן אין דער ״פּאָלקסבינע״ האָט מען געהייסן גיין־און דאָס איז געווען דער צווייטער קלאַפּ, נאָך יוסף׳ס טויט. דאָס לעבן גייט נישט ווי מען וויל, אָבער איך נעם זיך צונויף און גרייט ארויסטריטן און לעקציעס. איך שיק דיר א פאָטאָ קאָפּיע פון א גרויסן אמעריקאַנער זשורנאַל, וווּ מ׳האָט געשילדערט מיַין לעבנסוועג.

טייערע לובלינער, אייער בריוו האָב איך באַקומען. עס טוט מיר לייד וואָס דוד שטאָקפּיש האָט זיך באַדאַרפט אָפּזאָגן אלס פאָרזיצער, זאָל ער זיין געזונט. איך גראַטולירט אייך, חבר שריפט און ווינטש אייך א סך סוקצעס. מיר זאָלן נאָך א סך יאָרן זיך איבערשרייבן. גייט אָן מיט אייער ארבעט. זייט געזונט.

**צפורה שפּייזמאַן**, ניו־יורק

* * *

ליבע פריינט, טייערע לאַנדסלייט,
מיר האָבן דערהאַלטן אייער בריוו וועגן די ענדערונגען ביי אייך. ליידער, מיר מוזן מסכים זיין מיט דעם לעבן. מענטשן ווערן עלטער. און עס קומט א צייט, ווען מען מוז אויפגעבן די געזעלשאַפטלעכע ארבעט. מען ווערט שוואַכער און אלץ קומט אָן שווער. דאָס איז די ״גאָלדענע עלטער...״.

איר האָט אויסגעוויילט דעם ריכטיקן פּערזאָן, אלכסנדר שריפט, אויפן אמט פון פּאַרזיצער. איך גלויב, אז ער וועט אָנפירן מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט מיט גרויס דערפּאָלג, ווייל ס׳איז דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ. ווי זאָגט מען ביי יידן - נישט ווייט פאַלט דאָס עפּאַלע פון בוים... ווער נאָך האָט געקענט אזוי גוט זיין גאָטזעליקן פאָטער ווי איך?! ער איז געווען מיַין לערער פון יידישע רעליגיע אין דער פּוילישער שול. קיינער פון די שילערס האָט נישט גערעדט אויף אים א שלעכט וואָרט. דעריבער, א זון פון אזא טאַטן מוז זיין דערפּאָלגרייך און פאַראַנטוואָרטלעך אין זיין געזעלשאַפטלעכער ארבעט.

איך האָף, אז דער ״קול לובלין״ וועט ווייטער דערשיינען. ס׳איז אָן אינטערעסאַנטער זשורנאַל. מיר דערוויסן זיך פון א סך לובלינער משפּחות. די צייטונג פאַרבינדט אונדז מיט די לאַנדסלייט פון דער וועלט. ביינגעלייגט מיַין באַשיידענע באַשטייערונג. בלייבט אלע געזונט.

***יאָסקע און בראָניע בוים***, טאָראָנטאָ

ליבע פריינט,

מיר האָבן באקומען דעם "קול לובלין" פאר וועלכן מיר דאנקען זייער און זענען גליקלעך וואָס מיר קענען נאָך ארויסגעבן אזא אינטערעסאנטן זשורנאל. איר האָט געבעטן אז איך זאָל עפעס אָנשרייבן פאר אונדזער צײַטונג, נאָר באמת אז איך געדענק שוין גאָרנישט פון לובלין. אונדזער גאנצע ארבעט דאָ אין סאן-פאולאָ, איז די טעטיקייט פאר אונדזער קולטור-קלוב אין יידיש, דער איינציקער, דוכט זיך אין גאנץ בראזיל. מיר זענען איבערגעגעבן לטובת דער ארבעט, מיטן גאנצן לייב-און-לעבן. קלובן פאר עלטערע זענען דאַ פאראן א סך, נאָר אלע אין פּאָרטוגעזיש. און מען שפילט א סך אין בינגאָ. ביי אונדז גייט אלץ אין יידיש. יידישע קולטור, געזאנג, פארוויילונג. מיר פייערן אויך אלע יידישע יום-טובים. דעם לעצטן חנוכה האָבן מיר אפילו פארבעטן צוויי ארטיסטן. מיר ביידע, איך און מינטשע האָבן פאָרגעשטעלט נאָדלמאנס "לאטקעס".

דעם 8-טן נאָוועמבער 1998, האָבן מיר פאר א גרויס פובליקום אדורכגעפירט די יערלעכע אזכרה, אָבער נישט בלויז לובלינער, ווייל אזעלכע זענען פאראן זייער ווייניק. יעדער איינער צינדט אָן א ליכט. בייגעלייגט א באריכט אין פּאָרטוגעזיש, וואָס לאָזער גאָלדבוים האָט אנגעשריבן אין א היגער צײַטונג.

הארציקן גרוס פאר אלע לובלינער.

**מינטשע און מאָטל דינער**, סאן-פאולאָ

**די געזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און איר אומגעגנט**

**באַגריסט די פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט**

# טעשקע
# פאָרשטעטער-קאָרמאַן

**צו איר דערגרייכן 91 יאָר.**

מיר ווינטשן איר אַ גוט געזונט מיט אַ סך פרייד און נחת פון די קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך.

זי זאָל ווייטער קענען אויספירן איר פרוכטבאַרע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט לטובת דער לובלינער געזעלשאַפט און אַלע אָרגאַניזאַציעס וווּ זי נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל.

דער קאָמיטעט

**חשובער חבר אלכסנדר שריפט,**

איך שרייב דעם בריוו אויף אײַער פריוואטן אדרעס, ווייל אויסער דעם וואָס איר שטייט איצט אין דער אָנפירונג פון די לובלינער אין ישראל, פיל איך צו אייך א נאָעטקייט צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל אײַער פאָטער ז"ל איז געווען מײַן לערער פון רעליגיע אין דער שול אויף דער וואָליע, טאטארסקע 10. איך דערמאָן אים צום גוטן. ער איז געווען א הארציקער מענטש און זיך באצויגן צו די שילערס, ווי צו אייגענע קינדער. צווייטנס, ווען כ'בין געווען אויף א באזוך אין ישראל, האָט איר 2 מאָל מיך באזוכט ביי מײַן קוזין משה קאָסמאן און מיך גענומען אויף א שפאציר צו ווייזן תל-אביב.

ווי איך זע, האָט די טעטיקייט ביי די לובלינער זיך ניט אָפּגעשטעלט. דאָס האָב איך געלייענט אין "קול לובלין" און פון דער איינלאדונג צום יום השואה וגבורה, וואָס איך האָב באקומען. ווינטש איך אייך און דעם גאנצן קאָמיטעט א סך דערפאָלג. איך האָב דאָ איינגעזאמלט ביי טעמפּעלדינער און זילבערג 100 דאָלאר און דאָס געלט באזארגט מיט א געלעגנהײַט. שיקט מיר אייער נומער טעלעפאָן. מײַן הארציקער גרוס דעם ועד פון די לובלינער אין ישראל.

**קאָפּל מיזשריצקי**, ב. איירעס

**דיגעזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט**

**ENFANTS UNIFIES DE LUBLIN ET ENVIRONS**

באַגריסט מדינת ישראל

**צום 51טן יום-העצמאות**

מיר ווינטשן זי זאָל וואָס גיכער דערגרייכן אַ שלום מיט די אַראַבישע מדינות און דער עיקר מיטן פּאַלעסטינער פאָלק, און ס'זאָל הערשן אין לאַנד פון ישראל אַ פּראָספּעריטעט און סאָציאַלע גערעכטיקייט.

דער קאָמיטעט

**די געזעלשאַפט פאַרייניקטע קינדער פון לובלין און איר אומגעגנט**

באַגריסט דעם חשובן אַקטיוון קאָמיטעט-מיטגליד

# יוסף טאַובער

**צום 80 יאָריקן געבוירן-טאָג**

און ווינטשט אים אַ גוט געזונט
צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי שׂרה'לע
מיט אַ סך פרייד און נחת פון די קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך.

# א בריוו אין רעדאקציע

עס דערנענטערט זיך דער טערמין פון ארויסגעבן אונדזער צײַטונג "קול לובלין". דאסמאָל איז דאָס פארבונדן מיטן אוועקגיין פון אונדזער לאנגיאָריקן פאָרזיצער דוד שטאָקפיש, וואָס צוליבֿ געזונטהייט-טעמים האָט ער רעזיגנירט פון דעם אמט. מיר האָבן דאָך א האָפענונג, אז ער וועט ווייטער רעדאגירן אונדזער צייטשריפט. דאָ זאָל מיר דערלויבט זיין, אין נאָמען פון אונדזער קאָמיטעט און אלע לאנדסלייט, צו באדאנקען אים פאר דער גרויסער מי און אנשטרענג, וואָס ער האָט אחיסגעוויזן ביים פארפעסטיקן די שארית הפליטה פון אונדזער "קאָזע-שטאָט", סיי אין לאנד, סיי אין אויסלאנד. נישט תמיד איז דאָס געווען א לייכטע אויפגאבע. אָבער אויך א דאנק זיין ענערגיע און טעטיקייט, איז געווען צווישן אונדז א פארבינדונג. מיר ווינשטן אים א סך געזונט מיט דער משפחה. אויף דעם אָרט קומט אויך צו באדאנקען זיין פרוי, וועלכע האָט אועקגעגעבן א סך שעה'ן פאר לובלין... איצט בלייבט אונדז צו באגריסן איינשטימיק דעם ניי-אויסגעווײלטן פאָרזיצער, אינזש. אלכסנדר שריפט, א מאן מיט א סך ויסן און אים ווינטשן דערפאָלג און הצלחה אין דער ארבעט.

מיר ריידן זייער אָפט וועגן אונדזער "לובלינער ווינקל" אויף דיזנגוף 158. ס'וואָלט געווען אנגענעם דאָרט זיך צו טרעפן פון צײַט צו צייט, איִן באשטימטע טעג, כדי דערמאָנען אונדזערע נאָענטע, אונדזערע היימען און גאסן, אונדזער פארגאנגענע יוגנט. די לובלינעָרין יוכבד בלומענקער איז שטארק דערפאר, אז מ'זאָל אריינציען דעם צווייטן און דריטן דור, כדי צו שטארקן דעם אָנדענק פון דער יידישער לובלין.

**צעשא טראכטענבערג, גבעתיים**

לידידנו משה מנדלמילך

בהגיעו ל-90

איחולים לבביים לבריאות, אושר

ואריכות ימים עם משפחתך

ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל

(סוף פון ז' 19)

איבערטאָן זיך, וועגן אָפּנאַרן זיין אייגענעם פאָטער, איז געווען קעגן זייִן נאַטור.

די 6 יאָר (1902-1896) אין גימנאַזיע זיינען געווען די רואיקסטע אין הענריקס לעבן. דאָס זיינען געווען יאָרן פון פיזישן און גײַסטיקן רייף ווערן, פון מיזאַמער אַרבעט און טרוימערישע וויזיעס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט געלערנט. די רוסישע לערער האָבן נישט איינמאָל געלויבט הענריקן פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע פאָרשריטן און אים אָפט געשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע שילער.

צום סוף פון זיין גימנאַזיע-פּעריאָד האָט ער זיך אַפילו באַטייליקט אין אַן אַלרוסלענדישן צוזאַמעפאָר פון דער דאָזיקער שילער-אָראגאַניזאַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע. צוריק קיין לובלין פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, איז ער שוין געקומען ווי דער פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פאַר פּוילן פון דער דערמאנטער שילער-ארגאניזאציע.

די העכער צוואַנציק יאָר פון ערליכס לעבן און פּאַרטיי-טעטיקייט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן צווישן ביידע וועלט-מלחמות, זיינען געווען פאַר אים אַ צייט פון אַן אומגעהויער פיזישער אָנשטרענגונג און פון אַ גוואַלטיקער גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ פּערמאַנעטע אינטעלעקטועלע, גייסטיקע און פיזישע מאָביליזאַציע פון אַלע כוחות, פון דער פולער וויטאַליטעט, כדי צו באַפרידיקן די נויטן פון דער שטורמיש-וואַקסנדיקער באַוועגונג. היטלערס זיג אין דייטשלאַנד מיט זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אויסווירקונגען אין אייראָפּע בכלל און באַזונדערס אין פּוילן, דער זאָאָלאָגישער, אַלץ וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד גופא, די דייטלעכע סימנים פון אַן אָנקומענדיקער נייער בלוטיקער קאַטאַסטראָפע, די צוגרייטונגען צו דער צווייטער וועלט-מלחמה, זיינען געווען ווייט נישט קיין נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער שטורמיש וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

דערצו נאָך איז די דאָזיקע באַוועגונג געווען פאַרוויקלט אין אַ ביטערן קאַמף מיט דעם קאָמוניזם און געפירט אַן אידעאָלאָגישע מחלוקה מיט דעם רעפאָרמיסטישן פליגל פון דער אַרבעטער באוועגונג

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט ער דערפילט, אַרויסטרעטנדיק אויף פאָלקס-מיטינגען, אויף זיצונגען פון וואַרשעווער שטאָטראַט און פון דער וואַרשעווער קהילה, אין אינטערנאציאנאלע סאָציאליסטישע אַסיפות, אויף באַראַטונגען מיט פּוילישע און דייטשע סאָציאַליסטן און אויף זיצונגען פון בונדישע פּאַרטיי-אינסטאַנצן.

**ה ע נ ר י ך ע ר ל י ך** די וואונדערבאַרע, קרישטאָלענע געשטאַלט, וואָס האָט במשך פון העכער צוואַנציק יאָר באַלויכטן דעם וועג פון פּוילישן "בונד", וועט פאַרבלייבן אויף דורות אין דאַנקבאַרן זכרון פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק, ווי אַ נר-תמיד, וואס באַלויכט דעם וועג צו אַ נייעם יושרדיקן וועלט-סדר. ס'זיינען פאַראַן גייסטיקט און עטישע באַרג-שפּיצן, וואו בלויז געציילטע מענטשן-אָדלערס קענען לעבן. איינער פון זיי איז געווען - **ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך.**

# גרינדונג פון ערשטן ארגון
# יוצאי לובלין אין ארץ-ישראל

יצחק רוטענבערג

אין די ערשטע חדשים פון 1940 ווען די מלחמה מיט היטלערן ימ״ש איז געווען אין פולן ברען, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין לאַנד אַריין, אויף פאַרשידענע וועגן, איינצלנע לובלינער יידן אָן אַ פּרוטה און אָן שום מיטלען. ממש אין איין העמד.

דאַן האָט זיך צו מיר געווענדעט ר׳ לייבל זינגער ז״ל מיט אַ פאָרשלאַג צו גרינדן אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון לובלינער, כדי צו ערטיילן הילף פאַר די נייע עולים. דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ געוואַגטער געדאַנק.

מיר זענען זיך דאַן צוזאַמענגענומען פינף חברים: פרוי לאה קוריס-נאָמבערג, ר׳ לייבל זינגער ז״ל , דער יובילער וואָלף ז״ל, ה׳ ראטרובין און איך, דער שרייבער, פון די שורות.

מיר האָבן באַשלאָסן גרינדן אַ ועד אונטערן נאָמען ועד לעולי לובלין. מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ערשטע הילף פאַר די נייע עולים. די הילף איז געגעבן געוואָרן אין פאַרשיידענע פאָרמען: הלוואות, געפינען ווינונגען, געהאָלפן זיך איינאָרדענען ביי דער אַרבעט א. א. וו.

נאָכן איינעמען לובלין דורך די רוסן, האָבן מיר באַקומען אַן אַלאַרם-רוף צו אָרגאַניזירן שנעלע הילף פאַר די רעשטלעך לובלינער יידן, וואָס זענען ממש געווען נאַקעט און באָרוועס אין דעם שווערן ווינטער קלימאַט. עס איז געווען נאָך סוכות. מען האָט פאַרלאַנגט סוועטערס, שיך און וואָלענע לאַנגע זאָקן.

מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן אַ ברייטע זאַמלונגס-אַקציע. און מיר האָבן צונויפגעזאַמלט 500 פונט. אַ גאַנץ באַדייטנדע סומע צו יענער צייט.

מיר האָבן געקויפט גלייך אין פאַבריק מיט אַ גרויסער הנחה 300 פּאָר שיך, 300 פּאָר סוועדערס און 300 פּאָר לאַנגע וואָלענע זאָקן. דאָס האָבן מיר איינגעפּאַקט אין 2 קאַסטנס, פאַרחתמעט מיט דער חתימה פון ועד עולי לובלין בארץ ישראל און אָפּגעשיקט קיין פּוילן.
אונדזער פרייד איז געווען גרויס ווען מיר זענען געוויר געוואָרן, דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען אויפן אָרט אין אָרדענונג. ווי עס האָבן אונדז שפּעטער איבערגעגעבן אייניקע לובלינער, וועלכע זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, זענען זיי געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אין דער ריי, בכדי צו באַקומען עטוואָס פונעם טראַנספּאָרט.
אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן זיך גענויטיקט אין די זאַכן איז עס פאַר זיי אויך געווען אַ טרייסט און אויפמנוטערונג, אַז עס איז דאָ ווער אין ארץ ישראל, וואָס קלערט וועגן זיי,
אזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ועד לעולי לובלין און אזוי האָט ער אָנגעהויבן ערשטע אַרבעט מיט באַשיידענע כוחות און באַלאַסטעט מיט גרויסע אויפגאבן.

## בארגון • אין דער לאנדסמאנשאפט

דער קאמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל האט אויף דער צוגעשיקטער איינלאדונג פון וועלט-פארבאנד פון ניצולי השואה, יידישע קעמפערם פארטיזאנער און געראטעוועטע פון די דייטשע לאַגערן - דעלעגירט אויף דעם צוזאמענטרעף, וואס איז פארגעקומען 13-15 אוקטובער 1998 - צוויי דעלעגאַטן פון לובלינער קאמיטעט ווי אויך א דריטן דעלעגאַט - א געוועזענעם קאַצעטלער אלעקסאנדער גרינפעלד.
אונדזער לאנדסמאַן אלעקסאנדער גרינפעלד האט אין אנהייב פון די ניינציקער יארן אנטייל גענומען, אלס אינסטרוקטאָר אין דעלעגאַציעס, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן קיין פּוילן, דורך דעם ״יד ושם״ כדי זיך באַקענען מיט דער טראַגישער פארגאנגענהייט פון אונדזערע טייערע קרובים אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער צווייטער וועלט-מלחמה.

* * *

דער קאמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל האט באשלאָסן איבערווייזן אַ סומע פון 1000 ש״ח (טויזנט שקל) פון לעווענשטיין - פּאָנד פאר סטיפּענדיעס פאר שילער פון מיטלשול.

* * *

ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל העביר, לקרן המלגות לחקר השואה ומורשת יהדות פולין, סכום של אלף שקלים מקרן שבח לוונשטיין, עבור מלגות לתלמידי תיכון העוסקים בנושאי השואה ומורשת יהדות פולין.

* * *

ביום רביעי 12 במאי 1999 השתתף נציג האירגון במפגש של הנהלת הפדרציה העולמית של יהודי פולין.
הדיונים התנהלו על מצב החזרת הרכוש היהודי בפולין ועל מו״מ בין מרכז הקהילות היהודיות בפולין לבין נציגי הפדרציה שלנו. בישיבה השתתפו נציגי הקהילות היהודיות מפולין
* נציג האירגון יצר קשר עם כתב פולני, המייצג בארץ עתונות קתולית בפולין, עם העתונאי רִישַרְד מוֹנְטוּשֶבִיץ׳.

אחרי האזכרה בבית הקברות ״נחלת יצחק״ ביום שלישי 13.4.1999 הוזמן מספר חברים לדון על הנושא - דור שני ושלישי.
היוזמה באה מגברת יוכבד פלוּמנקר שאירחה את החברים בדירתה וכבדה אותם בקפה ועוגות, בדיון הוחלט להזמין את ״הצעירים״ לפגישה הבאה ולהתחיל לגייס אותם לעבודה קונקרטית. לפי הדברים שהושמעו בדיונים - נראה שיש אפשרות לתקן את ההזנחה בנושא שקיים עד עכשיו.

## זיצונג פון קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל דעם 9-טן נאָוועמבער 1998.

**טאָג אָרדנונג:**

1. אויסוואַל פון אַ פאָרזיצער.
2. "קול לובלין".
3. אזכרה
4. קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד.
5. לעווענשטיין פאָנד.
6. ווענדונג פון די וואַרשעווער.
7. פאַרשידנס.

**צום פונקט - 1**

מ.אורטמאַן שטעלט ארויס די קאַנדידאַטור פון אינזש. שריפט אַלס פאָרזיצער און לייגט פאָר אַז דער קאַסירער זאָל אויסגעוויילט ווערן אויף אַ תקופה פון 3 יאָר, דער ביז איצטיקער פאָרזיצער דוד שטאָקפיש רעזיגנירט פון דעם אַמט צוליב דער עלטער און קראַנקהייט. איינשטימיק איז אויסגעוויילט אינזש. שריפט אַלס פאָרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

**צום פונקט - 2**

דער קאָמיטעט זאָגט זיך אַרויס וועגן "קול לובלין" ווי אויך די פראַגע פון אָפּצאָל ביים אַריינגאַנג צו דער יערלעכער אזכרה. מ'האָט באַשלאָסן, אַז דער אַריינגאַנג זאָל זיין פריי פון אָפּצאָל.

**צום פונקט - 3**

די אזכרה וועט זיך אָהייבן מיט אַן אַריינפיר וואָרט פון אינזש. שריפט.

אָרטמאַן וועט זיך פאַרנעמען מיטן אָנצינדן די ליכט לזכר די 6 מיליאָן קדושים.

וועגן די אַוועקגעגאַנגענע אין דער אייביקייט וועט רעדן אירית גאָטליב.

מיט דער טעכנישער זייט וועט זיך פאַרנעמען משה וואַסאָנג.

משה זאַלצמאַן וועט זאָרגן וועגן אַ חזן.

ביי דער קאַסע - צעשע אובליגענהאַרץ.

**צום פונקט 4**

אַ בריוו וועגן די ענדערונגען אין דער אָנפירונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וועט אַרויסגעשיקט ווערן פאַר די תפוצות דורכן אינזש. שריפט.

**צום פונקט 6**

דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדן וועגן אויסנוצן אונדזער צימער און אינסטאַלירן זייערס אַ טעלעפאָן. משה זאַלצמאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן און שריפט וויל נאָך דעם ענין באַטראַכטן.

**צום פונקט - 7** - פאַרשידנס

ביים סוף פון דער זיצונג דריקט דער קאָמיטעט אויס אַ האַרציקן דאַנק דעם אָפּטרעטנדיקן פאָרזיצער דוד שטאָקפיט און ווינטשן אים אַ סך געזונטע יאָרן.

**צום פונקט - 5**

דוד שטאָקפיש דערציילט, אַז אַ דאַנק די באַמיאונגען פון זיין זון, איז געלונגען אַרויסבאַקומען 6000 שקלים, וועלכע געפינען זיך שוין אויף אונדזער קאָנטאָ אין באַנק. ער לייגט פאָר אויסטיילן אַ געוויסע סומע אויפן פאָנד צו פלעגן די יידישע שפּראַך און קולטור. ביי דער זעלבער געלעגנהייט מעלדעט ער, אַז דעם 4-טן דעצעמבער וועט אין דער מיטלשול "תיכון א" פאָרקומען דאָס איבערגעבן די מתנות די שילער.

מיט דער קומענדיקער זיצונג פונם קאָמיטעט וועט אָנפירן אינזש. שריפט, וועלכער מעלדעט, אַז אויף דער פאָריקער זיצונג פון קאָמיטעט האָט מען באַשלאָסן איבערוויַיזן - 2000 שקלים אויפן פאָנד פון פלעגן די יידישע שפּראַך און קולטור. נאָך אַ מיינונגס - אויסטויש וועגן דער הויך פון דער סומע, האָט מען באַשלאָסן - 3000 שקלים.

ארגון יוצאי לובלין בישראל
=======================

רחוב דיזנגוף 158
תל=אביב

סייערע חברים און פריינד - לובלינער לאַנדסלייט

אונדזער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער–מיטגרינדער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, האָט צוליב אָביעקטיווע סיבות אויפגע-
געבן זיין אַמט. מיט גרויס ווייטיק האָבן מיר זיין רעזיגנאַציע געמוזט אָננעמען און דער קאָמיטעט האָט איינשטימיק אויסגעוויילט אויפן אָרט פון דוד שטאָקפיש – דעם אינזשעניער אלכסנדר שריפט, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן פאָרזיצער יאָרן לאַנג צוזאַמענגעאַרבעט אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

דער גאַנצער קאָמיטעט וועט ווייטער אָנהאַלטן זיין פאַרבינדונג מיטן ניי–אויסגעוויילטן פאָרזיצער און שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט אַלע לובלינער אין ישראל און אין אויסלאַנד.

דער נייער צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט גלויבט, אַז איר וועט ווייטער שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער נייער אָנפירונג און וועט אונדז העלפן פאַרזעצן די הייליקע אַרבעט פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער אַלטער היים, די שטאָט לובלין.

מיר ווענדן זיך מיט אַ ביטע צו אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות, די קאָרעספּאָנדענץ אַריינשיקן אויפן אַדרעס:

IRGUN YOTZEI LUBLIN IN ISRAEL
158 DIZENGOFF ST., TEL-AVIV 63461

ארגון יוצאי לובלין בישראל
דער פאַרוואַלטונג
* פאַריין פון לובלינער *
ORGANISATION OF LUBLINERS IN ISRAEL

תל-אביב 16.03.1999

# תרומות • באשטייערונגען

| שם התורם | הסכום | מספר הקבלה |
|---|---|---|
| פריינד יוסף | 100.- | 851 |
| רחמן סופיה | 50.- | 852 |
| זיסברג ישראל | 50.- | 853 |
| רובינשטיין שמואל | 40+300.- | 854 |
| קציור לאה | 50.- | 855 |
| הורוביץ אריה | 50.- | 856 |
| פישמן גדליה | 500.- | 857 |
| גלשטיין פסח | 50.- | 858 |
| בהיר רגינה | 60.- | 859 |
| ליאור הדסה | 100.- | 860 |
| זיסברג שמואל | 75.- | 861 |
| אלטר בלה | 150.- | 862 |
| אופטובסקי משה | 60.- | 863 |
| טאוב רבקה וטוביה | 100.- | 864 |
| קריגר דורה | 100.- | 865 |
| גרינשטיין פישל | 250.- | 866 |
| הוכברג אנה | 100.- | 867 |
| גולדמינץ חוה | 100.- | 868 |
| רחמן סופיה | 50.- | 869 |
| פינקלמן אלתר | 50.- | 870 |
| פולבֶּרְמַכֶר צילה | 100.- | 871 |
| ליפשיץ מיכאל | 25.- | 872 |
| צימרינג צבי | 40.- | 873 |
| רוזנצוויג יצחק | 200.- | 874 |
| צב בר (עמידור פרידה) | 25.- | 875 |
| שטרן אהרון וחנה | 30.- | 876 |
| בס חנה | 50.- | 877 |
| מנדלמילך משה | 100.- | 878 |
| שפירא חוה | 25.- | 879 |
| צירלין מרין | 50.- | 880 |
| דונר דבורה (פישאדער) | 50.- | 894 |
| נדלשטרן צביה | 25.- | 885 |
| פרידמן ברוניה | 50.- | 886 |
| ארזי חיים | 25.- | 887 |
| בנק מאיר | 100.- | 888 |
| זינגר נתן | 200.- | 889 |
| וקסלר רבקה ואריה | 50.- | 890 |
| בלייך מרדכי | 60.- | 891 |
| סלומה א. | 30.- | 892 |
| סלומה פסה | 25.- | 893 |
| שוורצברט הֶלָה | 50.- | 881 |
| ריצל רבקה | 100.- | 882 |
| שנקמן יוסף | 50.- | 883 |
| זיסברג ישראל | 50.- | 884 |
| צווייקפט rose | 50.- | 895 |
| שטייגל גדליהו | 150.- | 896 |
| ווינדנבאום אווה | 100.- | 897 |
| הרץ אדוארד ופייגה | 150.- | 898 |
| אובליגנהרץ צסיה ואריה | 100.- | 899 |
| שפייזמן צפורה | $ 50.- | 900 |

| שם התורם | הסכום | מספר הקבלה |
|---|---|---|
| הרשטיין אהרון וצשה | 100.- | 1801 |
| טרייסטמן אהרון | 70.- | 1802 |
| ארליכמן שמעון | 20.- | 1803 |
| בורנשטיין צפורה | 50.- | 1804 |
| אופשלך ישראל | 50.- | 1805 |
| אמשוס | 100.- | 1806 |
| פלדמן איטקה | 25.- | 1807 |
| בינשטוק אברהם ופנינה | 100.- | 1808 |
| רוהר דוד | 50.- | 1809 |
| שיכמן שמואל | 20.- | 1810 |
| פרידמן ברוניה | 30.- | 1811 |
| רובינשטיין שמואל | 50.- | 1812 |
| אכטמן יוסף-גושצ'בסקי ירז'י | 300.- | 1813 |
| גולדשטיין | 20.- | 1814 |
| פלומנקר יוכבד | 150.- | 1815 |
| אורנשטיין אליעזר | .- | 1816 |
| קורן משה | 100.- | 1817 |
| בורשטין אברהם | 30.- | 1818 |
| הורוביץ חנה | 50.- | 1819 |
| אפרת זיידל | 50.- | 1820 |
| אדלשטיין אברהם | 20.- | 1821 |
| שביט חיים | 50.- | 1822 |
| YUDY YOSEPHS | $ 100.- | 1823 |
| לדרמן אליעזר | 50.- | 1824 |
| מונטל יצחק | 50.- | 1825 |
| פלד זאב | 50.- | 1826 |
| פכט | 20.- | 1827 |
| דקר משה | 250.- | 1828 |
| גלדמן אדם | $18.- | 1829 |
| טאטאי יַנקה | 50.- | 1830 |
| מנדלסון מרדכי | 200.- | 1831 |
| גולדמינץ | 25.- | 1832 |
| פוֹלוֶרמַכֶר צילה | 25.- | 1833 |
| הלברשטט אהרון | 40.- | 1834 |
| זילברשטיין מרדכי | 50.- | 1835 |
| ווַגשול יוסף | 100.- | 1836 |
| אייזנר שאול | 50.- | 1837 |
| פֶנסטֶרמַכֶר צדוק | 30.- | 1838 |
| וקסמן חנה | 50.- | 1839 |
| הרץ אדוארד ופייגה | 80.- | 1901 |
| מילשטיין משה | 50.- | 1902 |
| רוזנבוש פאני ופישל | 200.- | 1903 |
| הרץ אדוארד ופייגה | 150.- | 1904 |
| בוים יוסף | C $ 30.- | 1941 |
| טעמפעלדינער ישראל | $ 50.- | 1942 |
| זילבערג לייבל | $ 35.- | 1943 |
| מיזשעריצקי קאָפל | $ 15.- | 1944 |
| גארטענקראוט מ. | $ 500.- | 1945 |
| צווייקאפט rose | $ 50.- | 1946 |
| בוים נוח | C $ 130.- | 1947 |
| פאראייניקטע קינדער פון לובלין - אין פראנקרייך | F.4000.- | 1948 |

# לזכרם • צום אָנדענק

**אין טיפן צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגן דער פטירה פון אונדזערע בני-עיר אין לעצטן יאָר. טיפער מיטגעפיל און טרייסט די פאַריתומטע משפחות. איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.**

## לדמותה של אירית

אירית נולדה בלובלין ב-31/1/27 למשפחת גוורץ הדתית, המכובדת והאמידה. שנות הילדות עברו עליה באושר רב בקרב המשפחה המאושרת. כרוב הילדים בסביבה למדה בבית הספר הדתי בית יעקב המקומי.

הגורל התחיל להתאכזר במות עליה אמה והיא עודנה ילדה. היתה זאת בשבילה המכה הראשונה. האב מרדכי התמודד קשות בגידול שלושת ילדיו. לא עבר זמן רב וצרה נוספת פגעה במשפחה המאושרת והיא צרת רבים. התחלת מלחמת העולם השניה שאחד מסימניה הבולטים היתה רדיפת היהודים על ידי הנאצים ועוזריהם הפולנים. האב עם הילדים נאלץ לעזוב את דירתם היפה והנוחה ועבר לגטו המקומי. שם עסק האב בכל מיני עבודות ובעיקר במיון ברזלים, קרונות ופסי רכבת בהם היה מומחה בתור סוחר גדול בברנזיה הזאת.

המעסיק היה גרמני בשם קֶרמִין ששיחק משחק כפול. מצד אחד קשר קשרים הדוקים עם הגסטפו המקומי כמו גלובוצ׳ניק הידוע לשמצה ומצד שני ידיד ומיטיב עם יהודים בגטו ובמיוחד עם אביה מרדכי גוורץ. בגלל מומחיותו ויושרו כבד אותו מאוד.

הקשרים הטובים עם קרמין הובילו לכך, שהאחרון, כשנודע לו במשתה עם מפקדי הגסטפו, שהולכים לחסל את הגטו ולהעביר את כל היהודים למחנה רכוז ולהשמדה, הורה למשפחת גוורץ לברוח בעוד מועד מהגטו בלילה. כך הגיעה המשפחה לוורשה.

בוורשה מצא האב מקום מסתור אצל משפחות נוצריות לכל ילד לחוד, כדי שבשעת סכנה לא יהיו יחד. כל



**אירית גוטליב ז״ל**

זה כמובן בעזרת כסף וזהב שהיו ברשותו. כמו כן צייד את הילדים בניירות אריים וכך הפכה אירית לקְרִיסְטִינָה גְרַיְדָה. באחת היציאות מהמחבוא לצורך סידורים שונים נעלם האב ולא חזר יותר. כנראה נתפס על ידי הגרמנים. זאת היתה מכת גורל נוספת בשביל אירית, כי כאשר אזל הכסף ולא היה מי שישלם, נאלצה לעזוב את המחבוא אצל המשפחה הנוצרית. וכך הסתובבה ברחובות וורשה בחוסר כל. הגרמנים תפסו אותה והודות לניירות האריים והמראה הבלונדיני והידיעה המצויינת של השפה הפולנית, נשלחה עם קבוצת נערות פולניות נוצריות לעבודות כפיה לברלין. כאן הצטרכה להסתיר את יהדותה, כי אחרת היו הבנות האנטישמיות מסגירות אותה לגרמנים. הפולניות קללו כל הזמן את היהודים ואירית הצטרכה ללכת גם לכנסיה ביום ראשון. אין ספק, שהמצב הנפשי שלה השאיר את אותותיו השליליים לאורך כל

החיים. אבל הודות לרוח האיתנה והנחישות לא לגלולת את יהדותה, החזיקה מעעמד עד השחרור המיוחל ב-1945. במחנה הכפיה התלבטה מהר, עקב ידיעתה הטובה בשפה הגרמנית, אותה למדה עוד בלובלין וכך שימשה כמתאמת בין ההנהלה הגרמנית והבנות הפולניות.

אחרי המלחמה חזרה אירית ללובלין בדרך לא דרך ושם פגשה את אחותה הצעירה רחל בבית ילדים יהודי בתמיכת הג׳וינט. למרות הפצרותיה, לא רצו לקבל אותה לבית הילדים על מנת להיות עם אחותה הקטנה. אפילו לא כעובדת במקום. זאת היתה המדיניות של הנהלת המוסד. ושוב נקלעה אירית למצב בו היא מסתובבת בחוצות לובלין וישנה על ספסל בפארק ללא אמצעי מחיה, אחרי חיפושים רבים התחברה לאחת התנועות הציוניות ונשלחה לאיטליה כשהמטרה היא ישראל. באיטליה שהתה שנתיים ברומא ומילאנו. הזמן הזה אפשר לה ללמוד טוב את השפה האיטלקית.

סוף סוף הגיע העליה והגורל המר שוב פעל ואוניתה נתפסה על ידי האנגלים בלב ים, משם הובלה לקפריסין.

עקב רצונה להתקדם בחיים התחילה ללמוד עברית ואנגלית ונרשמה לסמינר המורים בשם רוטנברג. בשנת 49 הגיעה ארצה וקשיי הקליטה היו גדולים באותה העת, אבל כמו רבים מן העולים התגברה אירית (אז כבר נשואה) על הקשיים. בשנים הקרובות ילדה 2 ילדים.

כאשר הילדים קצת גדלו המשיכה אירית ללמוד בסמינר למורים, ובסיומו התחילה לעבוד בהוראה בבת-ים ומאוחר יותר בחולון. גם כאן ההצלחה האירה לה פנים בגלל מסירותה לעבודה ואהבת ההוראה.

כרעיה היתה אירית בשבילי אחת

ויחידה. נאמנה, טובה, עם הרבה אהבה והבנה, היא שימשה לי עזר כנגדי ללא סייג ואחנו השלמנו זה את זו. היתה נהדרת במחשבה המשותפת בשיחה, בהחלטות שונות, אשר התברר תמיד, שהיו נכונות כי נבעו מתוך שיקול מוקדם, ותכנון מדויק.

לאירית היתה טביעת עין חדה. הבינה דבר מתוך דבר וידעה לקרוא את האותיות הקטנות. מצד אחד בעלת אינטליגנציה גבוהה ומצד שני צנועה ומופנמת.

כשהכרתיה, התברר לנו בשיחות רבות על אודות משפחותינו, שהיא לובלינאית וגם אבי ז"ל היה לובלינאי. וההפתעה הגדולה היתה כשהתברר, שדודה, בעל אחות אביה, הוא בן דוד של בן דוד שלי מצד האמהות. מציאות לקוחה כמו מסרט. האמנו, שאנחנו זוג מן השמים.

ב-15 שנים האחרונות, היתה מזכירת ארגון יוצאי לובלין בישראל וחברה פעילה במערכת של "קול לובלין".

אירית יקירתי - אהבתיך מאד, מאד. עוברת עלי ועלינו טלטלה גדולה, ממש רעידת אדמה.

כל החיים היית אשה שקטה וכך נקטפת ממני ומאתנו בשקט, בשינה באישון הלילה.

הנני מתפלל ומבקש מאלוהים במרומים שיתן לי את הכח להתגבר על האבדה הגדולה הזאת.

יהי זכרך ברוך.

בעלך האוהב, **ירמיהו**

## לזכר אירית גוטליב

(ביום השלושים)

כרעם ביום בהיר פילחה את ליבי הבשורה הרעה שאירית איננה.

עדיין מהדהדים באוזני עדינות דבריך, נועם הליכותיך.

קשה לי מאוד לדבר עליך בעבר.

את היית אישה נפלאה, עדינה, אינטליגנטית, השולטת בשפות רבות וישרת דרך. מארחת למופת, ועוד ועוד תכונות רבות ונעלות היו לך. הלכת מאיתנו בעודך צעירה לימים. יכולנו עוד להנות ולנצל את הכישורים הרבים שהיו לך. לא נשכחך לעד.

יהיי זיכרך ברוך ומתקו לך רגבי עפרך.

המתגעגעת אליך **חיה אורטמן**

## ד"ר שמחה בינם ווייס ז"ל

פון ווארשע האָבן מיר באקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דעם 6טן סעפטעמבער 1999, איז דאָרט נפטר געוואָרן דער גוט באקאנטער לובלינער ייד ד"ר שמחה בינם ווייס און געבראכט געוואָרן צו קבורה אויפן גענשער בית-עולם.

מיטן אוועקגיין אין דער אייביקייט פון בינעם ווייס, איז אונדז פארלוירן געגאנגען א טייערער ייד, וואָס אין משך פון העכער פערציק יאָר האָט ער מיט הארץ און נשמה זיך באשעפטיקט מיט דער הייליקער מלאכה פון פאַרייביקן די יידישע לובלין. און זיינע אויפטוען אויף דעם געביט איז ממש ניט אָפּצושאצן, הגם געוווינט האָט ער אין ווארשע און פראקטיציִרט זיין פראָפעסיע - דאָקטער סטאָמאַטאָלאָגיע און רעדאקטאָר פון זשורנאל פאר דאָקטוירים-דענטיסטן. ער האָט אויך ארויסגעגעבן א ווערטפול היסטאָריש בוך וועגן יידישע דאָקטוירים.

נאָר צו דעם אלעמען האָט ער נישט פארגעסן זיין געבוירן-שטאָט און אפילו אין די פינצטערע צייטן פון אנטי-יִידן העצע מצד גאָמולקאן, יארוזעלסקי און מאָטשאר, האָט ער, מיט זיין הארציקער פרוי קאַראָלאַ אדורכגעפירט א פילמירטן שפאציר איבער דעם געוו. יידישן ראיאָן פון לובלין, וועלכן די דייטשן האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד, און מיט דער הילף פון ארכיוואלע בילדער און באזוכן אויפן אלטן און נייעם בית-הקברות איז זיי געלונגען, אַ דאנק דער פוילישער טעלעוויזיע, ארויסצוברענגען די גאסן לובארטאָווסקע, קאָוואלסקע, שעראָקע, רוסקע. דער ווידעאָ-פילם פארענדיקט זיך מיט א רירנדיקן קדיש פון בינעמען, וועלכער האָט זיך נישט נאָר באגנוגנט מיט דעם טעלעוויזיע-פילם, נאָר אויך געזאָרגט פאר אֵיינשטעלן שילדן, פלאַגן און אַנדענק-שטיינער אויף די ערטער און בנינים (וואָס זענען פארבליבן), ווי: ישיבת חכמי לובלין, דאָס יִידישע שפּיטאָל, דאָס פרץ-הויז, דאָס יידישע יתומים-הויז ("אָכראָנע"), די מהרש"ל שיל, מהרם-שיל, "זאמדער" שיל. און דער עיקר באנייט דאָס בית-המדרש פון דער חברת נושאים אויף לובארט-אָווסקע 10 (4) און עס פארוואנדלט סיי אין א בית-כנסת, סיי אין אַן אָנדענק-צימער מיט בילדער און עקספּאָנאטן, געווידמעט דער יידישער לובלין.

א דאנק דער איניציאַטיוו פון ד"ר ווייס איז דער אלטער בית-הקברות אויף קאַלינאָווּשטשיזנע געוואָרן אויפגעפרישט, און באנייט די מצבות פון די היסטאָרישע געשטאלטן-צדיקים. אים איז אויך געלונגען צו פאראינטערעסירן א גאנצע ריי פוילישע פּראָפעסאָרן, קינסטלער און אינטעליגענץ. א טייל פון זיי האָבן אָפּגעדרוקט אין צייטונגען און אין ביכער וועגן דער יידישער לובלין.

בינעם מיט קאַראָלאַ האָבן עטלעכע מאָל באזוכט ישראל און ס'איז געווען א פארגעניגן מיט זיי זיך צו טרעפן. אזוי אויך, לובלינער יידן, וואָס האָבן באזוכט ווארשע, זענען געווען געסט אין דער גאסטפריינטלעכער שטוב פון דער פאמיליע ווייס.

בינעם האָט זיך באטייליקט אין א סך סימפּאָזיומס, קאָנפערענצן און זיצונגען פון פוילישע אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן באהאנדלט פראגן, געווידמעט דער געשיכטע פון יידן אין לובלין. זייער אויפגאנג און אונטערגאנג.

ער האָט פארייתומט א פרוי, זון, שנור און אייניקל. הגם געלעבט אין א פוילישער סביבה, דאָך האָט ער געאָטעמט מיט עכטער, לובלינער יידישקייט און מיט דעם אלעמען וואָס די יידן האָבן דאָרט געשאפן און פארלוירן.

זאָל דיר די ערד גרינג זיין, טייערער בינעם.

**ד. ש.**

teatrnn.pl

# ד״ר שמחה ווייס פון וואַרשע און לובלין

## א. טשוויאַק

(פונעם אַרטיקל אין דער פּוילישער טאָגצייטונג „נאָווינ־קוריער" — 26.8.90, וואָס דערשיינט אין תל־אביב).



ווען ד״ר שמחה ווייס קלויבט זיך אין וועג אַריין פון זיין היים אין וואַרשע קיין לובלין, גרייט אים צו זיין פרוי סאַנדוויטשן אויף אַ גאַנצן טאָג. „ווייל ס׳איז נישטאָ קיין געלט אויף דיעטע־מאכלים" — האָט אויפגעקלערט דער דאָקטער. וועגן דעם האָט אונדז דערציילט מאַרעק אָרטמאַן, וואָס איז צוריק געקומען פון אַ רייזע קיין פּוילן, שטאַרק באאיינדרוקט פון דער געשטאַלט פון ד״ר ווייס.

ד״ר שמחה בינעם ווייס איז פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין, וואָס געפינט זיך אין לובלין אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס 10.

פון די פאַרשידנאַרטיקע דאָקומענטן און בראָשורן, וועלכע מאַרעק אָרטמאַן האָט געבראַכט אין רעדאַקציע, כדי צו באַשטעטיקן דאָס וואָס ער דערציילט וועגן ד״ר ווייס, נעם איך אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע: ביידע מענער, אָרטמאַן און ווייס זיצן, מיט פאַרלייגטע הענט אויף די אַקסלען. ד״ר ווייס האָט אַ ווייסן קאָפּ האָר, אַזוי אויך די באָרד און וואָנצעס. דאָס געזיכט מילד, אַ גוטער שמייכל. אַזוי זעט ער אויס אויף דער פאָטאָגראַפיע. און אין לעבן?

אין לעבן טיילט שמחה ווייס זיינע פאַראינטערעסירונגען צווישן מעדיצינישע וויסנשאַפטן און טעאָרעטישן און פראַקטישן פאַרנעמען זיך מיט יודאיסטיק. אינעם ווערטער־בוך פון די פּוילישע דאָקטוירים־סטאָמאַטאָלאָגן, לייענען מיר:

ווייס שמחה־בונים, ספּעציאַליסט פון סטאָמאַטאָלאָגישער פּראָטעטיק, איז געבוירן דעם 24סטן אַפּריל 1911 אין פּיאָסק. שטודירט אין דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין וואַרשע. זיין פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע איז באַזונדערס רייך, סיי אַלס פּראַקטיקער, אָבער קודם־כל — אויפן געביט פון וויסנשאַפט און מעדיצינישע פּובליקאַציעס, ווי אויך געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, פאַרבונדן מיט מעדיצין און סטאָמאַטאָלאָגיע. ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן „פאַר מוסטערהאַפטע אַרבעט אינעם געזונטהייטס־וועזן אין פּוילן" און ווי אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע. ער האָט פאַרעפנטלעכט ביז 150 אַרבעטן וועגן סטאָמאַטאָלאָגיע און געשיכטע פון מעדיצין. און נאָך אַנדערע ביאָגראַפישע פּרטים ווערן דאָרט אויסגערעכנט. צו דעם דאַרף מען אויך צוגעבן, אַז ד״ר ווייס האָט בשעתו באַקומען אַ מעדאַל „זאַ דאָבלעסטני טרוד וו־וויעליקאָי אָטשעסטוויענאָי וואָיניע 1941 — 1945". און צום סוף רעכנט מען אויס זיין האָבי: קאָלעקציאָנירן ביכער און אַלבומען פון מעדיצינישער און סטאָמאַטאָלאָגישער געשיכטע, ווי אויך ביבליאָפילישע אויסגאַבן און מיניאַטורן פון יודאיקא.

אַזוי דערגייען מיר צום צווייטן געביט אין דער טעטיקייט פון ד״ר ווייס — „יידישע ענינים". דאָס איז אַ לאַנגע רשימה, וועלכע ס׳האָט אונדז פאָרגעשטעלט מ. אָרטמאַן, פון וועלכער מיר קלויבן אויס בלויז עטלעכע:

ד״ר ווייס איז פאָרזיצער פון דער נאָזשיק־שיל אין וואַרשע; פּרעזעס פון דער געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון יידישער קולטור און געשיכטע אין די וואָיעוואָדשאַפטן פון לובלין, כעלם, זאַמאָשטש און ביאַלע־פּאָדלאַסקע. ער איז פאָרזיצער פון דער יידישער עלטערן־היים אין וואַרשע, אין וועלכער עס לעבן 80 אַלטע און קראַנקע מענטשן. אויף דעם געביט איז פאַראַן אַ מיטאַרבעט צווישן ד״ר ווייס און דעם „דזשאָינט". ער זאָרגט, אַז יעדער אַלטער ייד זאָל באַקומען הילף, וועלכע ער ברענגט פּערזענלעך אין דער עלטערן־היים. מען רופט אים דאָרט „דער מלאך" — אַזוי האָט דערציילט מאַרעק אָרטמאַן, וועלכער איז געווען אויפן אָרט און אַלץ אַליין געזען.

אין לובלין האָט ד״ר ווייס אויסגעקעמפט אין שטאָטראַט, אַז צוויי צימערן אינעם בנין פון דער געוועזענער „ישיבת חכמי לובלין", אין וועלכער עס געפינט זיך די דערמאַטאָלאָגישע שול פון געזונטהייטס־מיניסטעריום, זאָל ווערן איינגעאָרדנט אַן אָרט פאַר תפילה און אָפּרו פאַר יידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס קומען באַזוכן לובלין.

אַן אַנדער טעטיקייט ־געביט פון ד״ר ווייס, איז דער אַלטער, לובלינער בית־עלמין, ווו לויט זיינע באַמיונגען, זענען אַדורכגעפירט געוואָרן רענאָוואַציע־אַרבעטן. ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּראָיעקט און אָנגעשריבן דעם טעקסט פון דער בראָשור „דער אַלטער יידישער בית־עולם אין לובלין, אויף דער שיעראָקע גאַס". ער איז אויך דער מחבר פון אַן אילוסטרירטער בראָשור א. נ. „אָנדענק־צימער פון די לובלינער יידן", וועלכער געפינט זיך אויף לובאַרטאָווסקע 10.

דער מענטש, וואָס טוט די אַלע זאַכן, איז ד״ר שמחה ווייס. ער דערגרייכט שוין צו זיין אַ בן־שמונים.

דאָקטאָר ווייס! ביז הונדערט און צוואַנציק — אַזוי ווינטשט מען אייך אין מדינת ישראל און אין די תפוצות — מיט אַ גוטן געזונט, צוזאַמען מיט זיין פרוי קאַראָלאַ, וועלכע העלפט אים אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צו פאַראייביקן אונדזער היימשטאָט לובלין.

## ד"ר נתן בן טובים ז"ל

פאראיאָרן האָבן מיר זוכה געווען צו פייערן דעם 49טן יום-העצמאות אין רמת-גן, פארבונדן מיט דעם 90טן געבוירן-יאָר פון ד"ר נתן בן-טובים, א זון פון דער גוט-באקאטער אין פארמלחמהדיקן לובלין, בעלא דאָבזשינסקא, וואָס איז אומגעקומען אין געטאָ מיידאַן-טאטארסקי. נתן האָט טריי און ערליך אָפּגעהיטן דעם אָנדענק פון זיין גאָטזעליקער מוטער, מיטן ארויסגעבן אין ישראל משה שולשטיינס "ביים פנקס פון לובלין" אין אַ צווי-שפּראכיקער אויפלאגע יידיש אין עברית, ד.ה יידיש אנטקעגן א זייטל פון דער העברעישער איבערזעצונג פונעם דיכטער שלמה שנהוד. דער "פנקס" איז דערשינען א דאנק דעם שותפות מיט שיע און רבקה גאָלדבערג, לויט דעם געניעם מאָדעל פון דער אויסגאַבע אין פאריז. אויך האָט בן-טובים ארויסגעגעבן, פון אייגענער איניציאטאו און פינאנסירונג אן אָריגינעלן אלבום מיט צענדליקער בילדער פון דער יידישער לובלין.

פון בארוף אן אויגן-דאָקטער, איז ער יאָרן-לאנג געווען באשעפטיקט אין בילינסאָן-שפּיטאָל אין פתח-תקווה. ער האָט געארבעט, און דוכט זיך אויך מצליח געווען, איבער א וויכטיקע דערפינדונג אין צוזאמענהאנג מיט זיין בארוף. איך געדענק, אז אין שיכות מיט די אלע אויסגאבן און אויפגאבן זיינע, האָט ער געזאָרגט, אז דאָס פאפיר, דרוק-מאטעריאלן צו אלע אנדערע ארטיקלען זאָלן נישט זיין פון דייטשישער פראָדוקציע. דער בויקאָט אויף דייטשלאנד איז ביי אים געווען א טאָטאלער און קאָנסעקווענטער.

ד"ר בן-טובים האָט זיך באטייליקט אין אלע אונטערנעמונגען פון די לובלינער. אינטערעסירט זיך מיט אירע טעטיקייטן און אויך ארויסגעהאָלפן. אין יאָר 1997 האָט ער אויף זיין חשבון איינגעאָרדנט די יום העצמאות פייערונג און מיר האָבן געהאט א געלעגנהייט צו באגריסן א גוטהארציקן ייד, א "לובלינער פאטריאָט" און פשוטן פּאַלקס-מענטש, הגם מיט אקאדעמישער בילדונג. מיר וועלן אים געדענקען.

**ד. ש.**



## אברשה בלס ז"ל

אברשה היקר, לפני שאפרד ממך, ברצוני להגיד כמה מילים על חייך בגולה, בעיר לובלין שבה נולדת.

למדנו יחד באותה גימנסיה (גימנסיית שְפֶר) וכאשר גמרנו אותה היינו יחד בארגון (רביזיוניסטי) של סטודנטים "מסדה".

האוניברסיטה בלובלין, שקיימת עד היום, לא קבלה יהודים. היתה כבר אז בשנת 1930 "יודן ריין" ובערים אחרות היינו צריכים לשבת בספסלים מיוחדים ליהודים, ספסלי גטו (GHETTO BANKE). ידוע היחס של הסטודנטים הפולניים האנטישמיים ליהודים.

לא פעם אחת קבלו היהודים מכות רצח מהם, שפכו עליהם מים והציקו עד כמה שרק אפשר, בקריאת "יהודים לפלסטינה". ואנחנו, אנחנו מאד רצינו להיות בפלסטינה!

האנגלים לא נתנו סרטיפיקטים - אבל לחמנו כולנו שיום יבוא ונגיע למולדת שלנו. כל קבוצה שלנו - החבר הכי טוב שלך אברשה, יוסף גורפינקל, וויצק וילניצקי, צבי זילברברג, אברהם אנגל, האחים דודסון, חיים גרינפלד, והבנות אנדז'ה רוזנבאום, אלקה מיטלמן, איטקה קליינבאום, שרה ארנברוד, מניה וויינגלס, דורה ניישטיין ועוד ועוד - היינו מתאספים לעיתים קרובות ולמדנו "ציונות". התווכחנו ולמדנו על הרצל, על אחד עם, על ז'בוטינסקי ועל טרומפלדור. למדנו על גיאוגרפית הארץ PALESTINOGRAFIA, ואני זוכרת שאז בשנות השלושים, היו בארץ 367.000 יהודים. שמעתי את זה מפיך באחת ההרצאות, כי אתה היית האינטליגנטי מכולם, מכל הקבוצה, וידעת הכל.

תקופה קצרה עבדת במזכירות של זאב ז'בוטינסקי בפריס, ואחר כך נסעת עם וויצק וילניצקי ל-CIVITAVECCHIA באיטליה כדי ללמוד בבית ספר לימאות. כמובן, במחשבה שתוכלו אחר כך לעבוד כימאים בארץ ישראל - כרב חובל. כל המחשבה היתה תמיד לעזור לעם היהודי ולחיות בארץ ישראל. פטריוט צעיר בכל רמ"ח אבריו!

ואתה באמת עזרת. יחד עם ערי ז'בוטינסקי ובת הדודה שלו מילה אפשטיין - ועוד אחרים הייתם פעילים בעליה בלתי לגאלית. הייתם מביאים לארץ בדרך לא דרך, בתנאים קשים, מאות עולים ולא פעם אחת אסרו אתכם האנגלים. לעיתים קרובות ישבתם בבית סוהר. היו לך כבר אז אישה ושני ילדים. אני זוכרת איך לא פעם אחת חפשנו עבורך מקום ללון אצל משפחה "לא חשודה" כדי שהאנגלים לא ימצאו אותך. בלילות היו השוטרים האנגלים מוציאים אתכם מן הבית ומן המלון.

בסוף התפטרנו מן האנגלים ואתה אברשה זכית לחיות חופשי בארץ האהובה שלך, כאשר חיים בה חמישה מליון יהודים.

את האהבה לים העברת לשני הבנים שלך שגידלת לתפארת.

כמעט כל החברים שלנו מפולניה נהרגו ונשחטו בשואה, ואתה אברשה זכית. אתה יכול לנוח באדמת ישראל, אדמת אבותינו. האדמה הזאת תחבק אותך כבן יקיר למולדת.

**ורדה אמירה**

## שמעון גורפינקל ז"ל

***נפטר 27/2/1999***



פִּיגֶלֶה
כך הוא קרא לי
הצליל כמו הֵד -
מזמנים רחוקים, רחוקים...
עת משפחה ענִיפה היינו:
הסב, הסבתא,
דודים, דודות
נכדים.
מי חשב שלא כך יהיה
לאורך הימים;
בביתו הגדול של הסב המכובד?
דודתי אֶתקה,
הערב קוברים את שמעילה
השריד האחרון
של משפחתך.
את ויתר ילדיך
לאן הגעתם?
למיידנק? טרבלינקה,
אושוויץ?
כך גם משפחתי,
כך גם - ששה מיליון!
טרם הומתוּ - במותות משוּנות,
עוּנוּ.

נוח בשלום בקברך!
שְׁמעלה

**צפורה דסקל-וייסלפיש**
בת דודתו



## יהודה ז'יטומירסקי ז"ל

***נולד בפולין 21.9.1913***
***נפטר בישראל 16.12.1998***

חייו עמדו בצל שני אסונות: השואה, בה נספו כל בני משפחתו עד האחרון שבהם, ומלחמת יום הכיפורים, שבה נפל בנו יחידו, יעקב.

שני אסונות אלה הקדירו את ימיו ומררו את לילותיו.

האביב, בשום ריחות ההדרים, שבו הגיע ארצה בשנת 1937, הפך לחורף ארוך וקר.

ראשית דרכו כרועה צאן בקיבוץ עין שמר, חלוץ ציוני אידיאליסט, שבא ארצה לבנות ולהבנות בה, ואחריתו - אב שכול בקרית שאול.

**נ ט ע**

כ"ח כסלו תשנ"ט 17.12.1998

### פרידה

בסוף שנת 1938 הצטרפתי לקיבוץ עין שמר עם גרעין של "השומר הצעיר". בהיותי שם, ישבתי יום אחד בפינת העיתונים שבחדר האוכל, וקראתי עיתון פולני. ניגש אלי חבר קיבוץ, ושמו יהודה, ושאל אותי:

- איך קוראים לך?
- חנה - עניתי.
- למה את קוראת פולנית, חנה, ולא עברית?
- כי אני לא יודעת עברית.
- ואם אציע לך, שאלמד אותך?

הסכמתי.

הוא נהפך למורה שלי, ובמשך הזמן לבעלי, ושישים שנה לימד אותי.

עברית ידע מהבית.

שם ספג שפה עברית מאביו אפרים ז'יטומירסקי, שהיה מחובבי ציון, מפעילי "המזרחי", ומאחיו הגדול שמואל ז'יטומירסקי, פעיל בתנועת "הדרור", שבגיל 18 כבר היה מורה ומנהל בית ספר בעיירה ביחאבה, שליד לובלין.

יהודה נולד בוארשה. התנאים הקשים במלחמת העולם הראשונה, הכריחו את המשפחה לעבור ללובלין. אבל גם שם מצבם הכלכלי היה קשה. "ריבונו של עולם, הלוואי ויהיו לי דאגות פרנסה, ובלבד שהילד הזה יחיה לפניך", כך התפללה פעם אמו, כשהיה ילד קטן, וחייו היו בסכנה בגלל מחלת הסקרלטינה. וכך היה.

דאגות פרנסה היו להם תמיד, והילד הזה, כלומר יהודה, נשאר בחיים.

כשגדל, הצטרף לתנועת "השומר הצעיר", עלה ארצה, והיה ממייסדי קיבוץ עמיר. בקיבוץ עמיר נולדו ילדי, והיו לנו חיים מאושרים.

עם חלוף השנים התברר לו, כי מכל משפחתו הענפה, שנשארה בגולה, לא נותר איש. הם לא הצליחו לקבל סרטיפיקטים לעליה ארצה, ונספו כולם בשואה.

כל ימיו נשא עמו את כאבו על עולם שאבד, ואת געגועיו לבית שכבר איננו.

מעטות היו השמחות בחייו. היה מאושר, כשהצליח לערוך חגיגת בר-מצווה לבנו, ואחר-כך להשיא את בתו. שמח עם הולדת הנכדים. היה מאושר, כאשר בנר ראשון של חנוכה, בישר לו בנו על הולדת הנכדה דגנית. אבל שמחתו לא ארכה. עם נפול הבן יעקב במלחמת יום הכיפורים, התמוטט עליו עולמו. מות הבן הנחית עליו צער, שאין לו מרפא. קדרות ועצב היו מנת חלקו.

שישים שנה היינו יחד. שישים שנה כמו יום אחד ארוך. מיום שהכרתי אותו, תמיד היינו יחד. דאג לי ודאגתי לו. היה אומר לי: "רק בזכותך אני חי".

שלום לך, בעלי היקר, שלום לך, מורי, שהובלת את חיי.

**אשתך, חנה**
שלושים לפטירתו.
כ"ז שבט תשנ"ט. 15/1/1999

## סבא!

כשנולדת, קראו לך לייבוש. פירוש השם הוא אריה. וכך חיית. כמו אריה, לוחם ושורד. תמיד מודאג, תמיד חסר-מנוחה, מסתובב מחפש משהו לעשות.
כבר בגיל שש, נאלצת להלחם לראשונה בחייך במחלת הסקרלטינה. עשרה ימים שכבת קודח מחום, בין החיים למוות.
אבל לחמת ושרדת.
בגיל עשרים וארבע, ערב מלחמת העולם השניה, עזבת את ארץ מולדתך ועלית לארץ ישראל, אותה לא עזבת שוב מעולם. מאחוריך השארת את כל משפחת ז׳יטומירסקי הענפה, ורק אתה שרדת.
לפני מספר שנים סיפר לי חבר טוב שלך מקיבוץ עמיר, פימה, כיצד שכבתם יחד בתעלה בזמן מלחמת השחרור, ומעליכם עפו פגזים, ואווירונים טסו מעל ראשיכם.
״יהודה״, הוא אמר, ״זה הסוף שלנו. היום אנחנו הולכים למות״.
״לא איכפת לי אם נמות״, השבת. ״אני רק רוצה לדעת, האם תקום לנו מדינה?״ והמדינה קמה, ואתה שרדת.
את היקר לך מכל נתת למדינה, את בנך אשר אהבת, את יעקב.
ובשבוע האחרון, בבית החולים, כשצד שמאל משותק, חסר הכרה, וללא יכולת דיבור, עדיין לא ויתרת, נלחמת.
בלילות, ביושבי ליד מיטתך, החזקתי לך את ימינך. וביד האחת הזו, צבטת, משכת, דחפת, שרטת, מנסה להשתחרר.
לא פעם ניתקת את הקשירות והצינורות אליהם חוברת, רוצה לצאת, לקום מהמיטה, להמשיך ולשרוד, כמו תמיד. אך הפעם סידרת אותי, לא שרדת.
